NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13299

FUN EYGENE UN FREMDE

Yankev Eplboym

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

יעקב עפּלבוים

פון אייגענע און פרעמדע קוואלן

(אַ זאמל-בוך פאר קינדער און יוגנטלעכע)



יעקב עפּלבוים.

פון אייגענע און פרעמדע קוואַרן

(אַ זאַמל-בוך פאַר קינדער און יוגנטלעכע)

מאָנטעווידעאָ
1 9 4 5

8/13950

Editorial e Imprenta
"ANCLA"
de Bdo. Margulies

פאַרלאַג און דרוקעריי
"עוגן"
פון דב מרגליות

אַ פּאָר ווערטער פֿאַר די דערוואַקסענע — אַנשטאָט אַ הקדמה

די קליינע זאַמלונג וואָס דער מחבר ברענגט דאָ פֿאַר אונדזערע יונגע לייענער, איז צעטיילט אויף צוויי טיילן. אין דער ערשטער טייל גייען אַריין שאַפֿונגען גענומענע פֿון פֿרעמדע קוועלן; אין דער צווייטער טייל קומען בילדער סעלעקציאָנירטע פֿון אייגענעם מאַטעריאַל. ווי די לייענער וועלן געוויס באַמערקן זיינען די גרעסטע צאָל בילדער באַזירט אויף נאַטור איבערלעבונגען און אויף די שטערונגען וואָס די מלחמה רופֿט אַרויס. אַגב אורחא איז דעם מחבר'ס מיינונג, אַז וואָס שנעלער עס וואָלט פֿאַרגעקומען דאָס אומקערן זיך פֿון אונדזער שארית-הפליטה צום נאַטור-לעבן —אָן אונטערשייד אַפֿילו וואו און ווען — אַלץ שנעלער וואָלט געקומען די גענעזונג פֿון אונדזער פֿאָלקס-נשמה וואָס איז אַזוי ווייטיקלעך צעקאַליעטשעט געוואָרן אין די באַדינגונגען פֿון לאַנגן ניט-נאָרמאַלן לעבן.

די בילדער וואָס גייען אַריין אין דער צווייטער טייל זיינען אַמערסטן באַזירט אויף האַרמאָנישע איינלעבונגען אין דער סביבה; עס קען זיין אפשר דערפֿאַר האָט דער מחבר געשטעלט דעם טראָפּ אויף אַזעלכע בילדער, ווייל ער איז פֿעסט איבערצייגט אַז דאָס ביסעלע גליק וואָס דער מענטש קען איבערלעבן פֿון זיין שעפֿערישקייט און וואָס נעמט זיך אַמערסטן פֿון אַפּוועזנקייט פֿון אומגליק, ווערט אַמערסטן באַגלייט מיט האַרמאָנישע שטימונגען וואָס מיר דאַרפֿן קולטיווירן בײַ אונדזערע קינדער און יוגנטלעכע.

מיט דעם באַשיידענעם פּרוּוו רעכנט דער מחבר צו באַרייכערן אונדזער בכלל אָרעמע ליטעראַטור פֿאַר קינדער און יוגנטלעכע, וועלכע איז נאָך מער פֿאַראָרעמט געוואָרן אַ דאַנק די קאַטאַסטראָפֿאַלע צייטן אין וועלכע אונז איז באַשערט צו לעבן.

אין די שפּעטערדיקע זאַמלונגען האָפֿט דער מחבר צו פֿאַרפֿילן אַ גרויסן בלויז וואָס וועט זיך געוויס לאָזן מערקן אין דער זאַמלונג. דאָס באַקליידן די טעמעס מיט אַ ריין יידישער פֿאָרם. קיין מאַטעריאַל דערצו פֿעלט ניט בײַ אונז. מען דאַרף נאָר זוכן!...

צום סוף אַ פּאָר ווערטער צו מיינע יונגע לייענער: די נאָר-וואָס פֿאָרענדיקטע הקדמה איז געשריבן געוואָרן פֿאַר די דערוואַקסענע. אויף אַזאַ אופֿן קענען די יונגע לייענער גלייך איבערגיין צום אינהאַלט וועלכן מיר גיבן איבער אין זייער רשות און זאָל עס טאַקע זיין אין אַ מזל'דיקער שעה!

יעקב עפּלבוים.

ערשטע טייל
(איבערזעצונגען)

1) וואונדייר איבער וואונדער — 9 — 15

2) דער נאַרלער און דער האָז — 16 — 21

3) הונגער דער בעסטער לערער — 22 — 28

4) בערעלע גבור — 29 — 32

5) די ווירקונג פון גוטע מעשים — 33 — 40

6) די אמת׳ע אוצרות — 41 — 43

צווייטע טייל

1) די געשיכטע פון א וואלד — 44 — 56

2) א רייזע אין א וואלד — 57 — 60

3) א שפאציר אין וואלד — 61 — 65

4) די אלטע ווערבע — 66 — 68

5) ווי אזוי די בינשטאָקן זיינען פארברענט געוואָרן — 69 — 79

6) ווי די קי האָבן געטסאצט — 80 — 93

7) מלחמה־קינדער — 94 —107

8) דאָס בלימעלע פון גליק — 108 —123

געווידמעט דעם ליכטיקן אנדענק פון מיין שוועסטערל
דבורה'לען, וועלכע איז אומגעקומען אין דער ערשטער
וועלט-מלחמה, ווי אויך די אלע וועלכע גלויבן, אז סוף-
כל-סוף וועט דער מענטש געפינען דאס „בלימעלע פון
גליק און מאכן א סוף צו איינער פון די גרעסטע פלאגן
וואס מאטערן די מענטשהייט. — וועט מאכן א סוף צו
דער מלחמה.

דער מחבר

ESTE LIBRO SE TERMINO
DE IMPRIMIR EN LA IM-
PRENTA Y EDITORIAL
"ANCLA" DE BERNARDO
MARGULIES, ANDES 1146,
MONTEVIDEO EL DIA 30
DE NOVIEMBRE DE 1945.

וואונדער איבער וואונדער

זייער ווייט ניט הי, אין אַ לאַנד וואו אויף די פעלדער האָבן זיך געפּאַשעט אַ סך קי און אין די בלאָטעס האָבן זיך געהאָדעוועט אַ סך ווילדע קאַטשקעס, איז געווען אַ באַרימטער יעגער מיטן נאָמען חיים-יאַנקל. איז איינמאָל חיים-יאַנקל, דער גרויסער שיסער, אַוועק צום טייך שיסן קאַטשקעס. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין די קוסטעס אויף דעם ברעג פונעם טייך און געוואַרט. ווי לאַנג עס איז אים אויסגעקומען צו וואַרטן ווייס איך ניט. ערשט זיצנדיק אַזוי און וואַרטנדיק האָט ער דערהערט פײַנלשע געשרייען און אַ סטאַדע ווילדע קאַטשקעס האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן אין די קוסטעס אַריין. חיים-יאַנקל דער גרויסער שיסער, האָט לאַנג ניט געטראַכט, אַראָפּגע-כאַפּט די ביקס און טראַך, טראַך געוואָלט שיסן אַ ווילדע קאַטשקע. טרעפט זיך אָבער אַ געשיכטע אַז אין דעם זעלבן מאָמענט ווען ער האָט אויסגעשאָסן, האָבן זיך דערהערט נאָך אַנדערע צוויי שאָסן און פון די קוסטעס זײַנען אַרויס נאָך צוויי יעגער, מסתּמא אַזעלכע גרויסע שיסער ווי אונזער חיים-יאַנקל. דערווײַל איז די דערשאָסענע קאַטשקע גע-בליבן ליגן אין וואַסער. חיים-יאַנקל, דער גרויסער שיסער, האָט לאַנג ניט געטראַכט, פאַרקאַטשעט די הויזן און אַרײַן אין וואַסער אַרײַן נאָך דער קאַטשקע. ער איז צוגעקומען צום אָרט וואו זי איז געבליבן ליגן און האָט זי אָנגענומען פאַרן קאָפּ ערשט די אַנדערע צוויי יעגער זײַנען אויך אַרײַן אין וואַסער און האָבן אָנגעכאַפּט יעדער איינער פאַר אַ

פליגל פון דער דערשאָסענער קאַטשקע און האָבן אָנגעהויבן שלעפּן יעדער איינער אויף זיין זייט. זיינען זיי אַלע דריי געבליבן שטיין אין וואַסער און יעדער איינער האָט געשלעפּט די קאַטשקע אויף זיין זייט. און דאָס וואַסער איז קאַלט. און אַלע ציטערן פון קעלט. זעט חיים-יאַנקל אַז ס'איז ניט גוט, זאָגט ער צו די אַנדערע צוויי יענער: זייט אַזוי גוט און האָט קיין פאַריבל נישט, די קאַטשקע איז מיינע. טענהן יענע צוויי יענער: ניין! די קאַטשקע איז אונזערע! אַזוי ווי אָבער מען קען דאָך ניט בלייבן אַ גאַנצע נאַכט אין קאַלטן וואַסער, האָבן די דריי באַשטימט צו אָפּגעבן די קאַטשקע יענעם פון זיי, וועך ס'וועט קענען דערציילן דאָס שענסטע מעשהלע. זיינען אַלע דריי יענער אַרויס פון וואַסער, האָבן זיך אויסגעזעצט אויפן ברעג טייך, געמאַכט פייער, זיך דערוואַרעמט אַביסל און אָנגעהויבן דערציילן. דער עלטסטער יענער האָט דערציילט צום ערשטן:

„איך האָב געהאַט דריי זין, —האָט ער דערציילט—, פלעג איך זיי שטענדיק מיטנעמען אויף יאַגד. איינמאָל האָבן מיר געשאָסן דריי קאַטשקעס. האָבן מיר געמאַכט פייער און אָנגעהויבן בראָטן די דערשאָסענע קאַטשקע. ווען די קאַטשקע איז געוואָרן אָפּגעבראָטן, האָבן מיר זי אַרויסגענומען פון פייער און געזעצט זיך עסן. פּלוצים איז אַרויס פון וואַלד אַן אַלטער מאַן און האָט זיך געווענדעט צו אונז מיט די ווערטער: עסט געזונט! האָבן מיר אים געבעטן ער זאָל זיך זעצן און עסן מיט אונז צוזאַמען וועטשערע. האָט ער זיך לאַנג ניט געלאָזן בעטן, האָט זיך צוגעזעצט צום פייער, אויפגעגעסן אַלע דריי קאַטשקעס און דערנאָך גענומען מיין עלטסטן זון און פאַרביסן מיט אים. בין איך געבליבן מיט צוויי זין. אויף מאָרגן נאָך דער געשיכטע בין איך ווידער אַוועק מיט זיי אויף יאַגד. מיר האָבן דאָס מאָל ווידער דערשאָסן דריי קאַטשקעס און זיך גענומען צו דער אַכילה.

ערשט ס׳איז ווידער אַרוים דער אַלטיטשקער. דאָס מאָל האָט ער ווידער אויפגעגעסן די געבראָטענע קאַטשקע און פאַרביסן מיט׳ מיין מיטלסטן זון. בין איך, הייסט עס, געבליבן מיט איין זון אַליין. אויף מאָרגן נאָך דער געשיכטע בין איך מיט דעם איינציקן זון וואָס איז מיר געבליבן, ווידער אַוועק צום טייך, געשאָסן דריי קאַטשקעס, געמאַכט פייער און זיך געזעצט צו דער וועטשערע. ערשט דער אַלטיטשקער איז ווידער געקומען צו אונז. דאָס מאָל האָט ער פאַרביסן מיטן קלענסטן זון. בין איך געבליבן אַליין; ערשט ווען איך בין געקומען אַהיים, האָב איך געטראָפן אַלע מיינע דריי זין ווי זיי ליגן אַלע און שלאָפן געשמאַק אַזוי ווי ס׳וואָלט גאָרניט געשען".

אַזוי האָט דערציילט דער ערשטער יעגער. דער צווייטער יעגער האָט אַ ווילע געשוויגן און נאָכער אָפגערופן זיך: „דאָס וואָס דו האָסט דערציילט איז גאַנץ פיין, אָבער עס איז גאָר קיין וואונדער נישט. אָט דאָס וואָס איך וועל אייך דערציילן, דאָס איז שוין דוקא יאָ וואונדער איבער וואונדער. „גלייך נאָך דער חתונה האָב איך אָנגעהויבן באַמערקן אַז מיין פרוי איז אַ מכשפה, זי פלעגט שטענדיק האַלטן אין איין קאָכן אַלערליי גראָזן און קרייטעכצער אַזעלכע. חוץ דעם האָב איך באַמערקט אַז זי האָט אַן עק. עהע, קלער איך דעמאָלט, ס׳איז ניט גוט. איינמאָל זע איך ווי זי איז צוגעגאַנגען צום אויוון, האָט גענומען אַ קאָטשערע, דערביי עפעס אַ זופ געטאָן פון אַ טעפעלע און אַוועקגעפלויגן אָן אַ זיי געזונט. איך האָב זיך אָבער אויך ניט פאַרלאָרן: איך האָב אָנגעכאַפּט פאַרן עק פון דער קאָטשערע און אַ געשריי געטאָן: אַהאַ! יעצט ווייס איך שוין אַז דו ביסט אַ מכשפה! זי האָט גאָרניט געענטפערט, האָט זיך אַראָפגעלאָזט פון דאַך, האָט גענומען אַ צווייגעלע, אַ וואָרף געטאָן אויף מיר און געזאָגט: ביז יעצט ביסטו געווען אַ ווייסער מענטש און

פון יעצט אָן וועסטו ווערן אַ שוואַרצער הונט! זי האָט מיך
אַרויסגעיאָגט פון הויז און אָנגעזאָגט איך זאָל בלייבן אין
דרויסן און היטן די שטוב. שפּעטער איז עס מיר נמאס גע-
וואָרן, בין איך אַנטלאָפן פון דער היים און אַוועק צו אַ רייכן
פּריץ און דאָרטן געבליבן. ביים פּריץ איז מיר געווען זייער
גוט. איך האָב אַלעם פאַרשטאַנען וואָס מען האָט צו מיר
גערעדט און מיין בעל-הבית האָט מיך זייער ליב געהאַט.
פונדעסטוועגן האָב איך זייער שטאַרק געבענקט אַהיים.
איינמאָל, ווען מיין פּריץ איז אַוועקגעפאָרן אויף יאַגד, האָב
איך זיך אויפגעהויבן און אנטלאָפן אַהיים. געקומען אַהיים,
ערשט די מכשפה וואַרט שוין אויף מיר... — „וואָס, דו
שלעפּסט זיך נאָך אַלץ אַרום איבער דער זינדיקער וועלט?
—האָט זי מיך געפרעגט. — יעצט וועל איך מאַכן אַז דו
וועסט שוין מער ניט אַרומלויפן, נאָר אַרומפליען. מיט די
ווערטער האָט זי געכאַפּט אַ ריטל, האָט מיר א שמיץ געטאָן
איבערן רוקן און געזאָגט: יעצט וועסטו פאַרוואַנדלט ווערן
אין אַ פויגל און אַוועקפליען פון דאַנען. בין איך געוואָרן אַ
קליין וואָראָביטשיקל און האָב זיך אַוועקגעלאָזט ווייט, ווייט
אין פעלד אַריין. דערווייל האָט זיך אָנגערוקט דער ווינטער
מיט זיינע קעלטן און פרעסט. וואָס צו עסן האָב איך ניט
געהאַט. איז מיר נמאס געוואָרן דאָס לעבן זע איך איינמאָל
ווי קינדער האָבן פאַרשפּרייט אַ נעץ אויף צו קענען כאַפּן
פיינגל. קלער איך: איידער ליידן הונגער און קעלט וועל איך
בעסער אַליין אַריינקריכן אין נעץ. די קינדער האָבן מיך
אַרויסגענומען פון נעץ, געבראַכט אַהיים און געזאָגט צו זייער
פאָטער: זע, טאַטע, סאַראַ מאָדנע פיינעלע מיר האָבן גע-
כאַפּט. דער פאָטער זייערער, וועלכער איז אַליין געווען אַ
גרויסער מכשף, האָט אַ בלאָז געטאָן אויפן פיינעלע און איך
בין ווידער געוואָרן א מענטש מיט מענטשן גלייך. ער האָט
מיר געגעבן אַ צווייגעלע און געזאָגט: גיי צו דער מכשפה

וואָס האָט דיך פאַרכשופט און גיב איר אַ קלאַפּ מיט דעם צווײַנגל, וועסטו זען וואָס ס'וועט געשען. האָב איך זיך אומגעקערט אַהײם און אַ שמיץ געגעבן דער מכשפה מיט דעם ריטל, איז זי גלײַך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פערד. און דאָס איז טאַקע דאָס זעלבע פערד מיט וועלכן איך אַקער ביז הײַנטיקן טאָג.

חיים-יאַנקל, דער גרויסער שיסער, האָט אויסגעהערט די גאַנצע מעשה און געזאָגט: „דאָס וואָס דו האָסט אָקאָרשט דערציילט איז טאַקע אַ גרוים וואונדער, אָבער דאָס וואָס איך וועל יעצט דערציילן איז נאָך אַ גרעסערער.

„איך האָב אַמאָל געדינט אַלס יעגער ביי א גרויסן פּריץ. ער איז געווען זייער צופרידן פון מיר און ווען איך בין אַוועק פון אים האָט ער מיר געשאָנקען א וואונדערלעכע גאַנז. אַ מאָדנע גאַנז איז דאָס געווען. עס איז געווען גענוג צוצוגיין צו איר און זאָגן: גאַנז, גאַנז, קום אַהער און קריך אַרײַן אין טאָפּ אַרײַן, —פלעגט זי צוקומען און גלײַך אַרײַנגיין אין טאָפּ אַרײַן. פלעג איך איר אָפּקאָכן, אויפעסן און איבערלאָזן נאָר די ביינדעלעך. דערנאָך פלעג איך זאָגן צו די ביינדעלעך: שטיי אויף, געזעלע, און גיי אין פעלד פּאַשען זיך! ווי איך פלעג נאָר אַרויסזאָגן די ווערטער, פלעגט די גאַנז ווערן לעבעדיק און פלעגט אַרויסגיין אין פעלד אַרײַן פּאַשען זיך. איינמאָל טרעפט זיך אַזאַ געשיכטע: איך בין אַוועק מיט דער גאַנז וואַנדערן איבער דער וועלט. איז מיר אויסגעקומען צו איבערנעכטיקן אין אַ קרעטשמע. אין אָוונט, פאַרן לייגן זיך שלאָפן, האָב איך ווי געוויינטלעך, געמאַכט וועטשערע פון מיין גאַנז און נאָכדעם זי ווידער לעבעדיק געמאַכט. די געסט וועלכע זיינען דעמאָלט געווען אין דער קרעטשמע האָט זיך זייער געוואונדערט און מער פון אַלעמען דער בעל-הבית אַליין. פאַרן לייגן זיך שלאָפן האָב איך מיין גאַנז פאַרשפאַרט אין אַ שטייג. אינמיטן נאַכט האָב איך

דערהערט עפּעס א טומל. איך בין גלייך צוגעלאָפן צו דער שטייג, ערשט דער קרעטשמער שטייט און האַלט מיין גאַנז פאַרן פליגל. דערביי אָבער איז געשען אַ נס: בשעתן אָנכאַפּן ביים פליגל איז ער געוואָרן צוגעקלעפּט צו דער גאַנז און האָט זיך ניט געקענט אָפּרייסן. האָט ער זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן שרייען. די גאַנז מיינע האָט זיך אויך דערשראָקן און האָט אויך אָנגעהויבן שרייען נאָך העכער. אויף זייערע קולות איז אַרויסגעלאָפן די קרעטשמערקע און געוואָלט אָפּשלעפּן דעם קרעטשמער פון דער גאַנז. אָבער אַנשטאָט אָפּשלעפּן איז זי אַליין געוואָרן צוגעשלעפּט. דערביי האָט זי אָנגעהויבן שרייען העכער פון אַלעמען. אויף אירע קולות איז הענדום-פּענדום אַרויסגעלאָפן זייער זון און געבליבן צוגעקלעפּט. דאָס זעלבע איז געשען מיט דער טאָכטער, מיט די דינסטן און געסט. זיי אַלע זיינען געבליבן שטיין אויפן אָרט סאָפּענדיק און פאַרשקענדיק ווי גענז. איך האָב זיי איבערגעלאָזן און אַליין בין איך אַוועק שלאָפן. אויף מאָרגן אין דער פרי בין איך אויפגעשטאַנען, אַרויס פון קרעטשמע, גענומען פּאַוואָליע מיין גאַנז אונטערן אָרעם און אַוועק מיין וועג און נאָך מיר דער קרעטשמער, די קרעטשמערקע, דער זון, די טאָכטער, די געסט און ווער ניט. ביסלעכווייז זיינען צוגעשטאַנען נאָך מענער, פרויען און קינדער. זיי אַלע האָבן זיך נאָכגעשלעפּט דער גאַנז און געסאָפּעט ווי גענז. אַזוי זיינען מיר געגאַנגען איבערן גאַנצן לאַנד ביז וואַנען מיר זיינען געקומען צום קעניגס פּאַלאַץ. און איך דאַרפט וויסן אַז דער קעניג פון יענעם לאַנד האָט געהאַט אַ קראַנקע טאָכטער. בעסער געזאָגט, ניט אַזאַ קראַנקע ווי אַן אומעטיקע. גייען מיר פאַרביי אַזוי דעם קעניגס פּאַלאַץ. איך האַלט אונטערן אָרעם מיין גאַנז און נאָך מיר גייען און סאָפּען מענער, פרויען און קינדער. ביים פענסטער פון פּאַלאַץ זיצט דעם קעניגס טאָכטער,

אזוי ווי שטענדיק, אַן אומעטיקע און פאַרזאָרגטע. אַזוי ווי אָבער זי האָט דערזען אונזער קאָמפּאַניע וואָס גייט און סאַ-פּעט ווי אמתע גענז, האָט זי זיך צעלאַכט הויך אויפן קול און דווקא אזוי צעלאַכט דאָס זי איז גלייך געזונט געוואָרן. ווי נאָר דער קעניג האָט דערזען אַז זיין ליבע טאָכטער איז געזונט געוואָרן, האָט ער מיך געהייסן צורופן און געפרעגט וואָס פאַרלאַנג איך אַלס מתנה דערפאַר וואָס איך האָב מיט מיין וואונדערלעכער גאַנז אויסגעהיילט זיין טאָכטער. ער האָט מיר אַפילו צוגעזאָגט אַז איך וועל קענען חתונה האָבן מיט זיין טאָכטער און דערצו נאָך באַקומען אַ האַלבע מלוכה נדן. איך האָב אָבער אָפּגעוואָרפן דעם קעניגס פאָר-שלאַג און האָב נאָר פאַרלאַנגט פון אים איין זאַך: ער זאָל מיר שענקען אַזאַ ביקס וואָס קען שטענדיק טרעפן אין ציל. דער קעניג האָט גלייך באַפוילן מען זאָל מיר אַרויסגעבן אַזאַ ביקס. איך האָב אים באַדאַנקט און איבערגעלאָזן די גאַנז אַלס אנדענקען און מתנה. יעצט זאָלט איר טאַקע וויסן, — האָט חיים-יאַנקל פאַרענדיקט זיין מעשה, אַז מיט דער ביקס האָב איך עס טאַקע געשאָסן די קאַטשקע."

די אַנדערע צוויי יעגער, נאָכדעם ווי זיי האָבן אויסגע-הערט חיים-יאַנקלס מעשה, האָבן באַשטימט אַז על פּי דין ועל פּי יושר קומט די קאַטשקע חיים-יאַנקלען דעם גרויסן שיסער. דערוויילע, אין דער צייט וואָס אונזערע גרויסע יע-גער האָבן געשמועסט און געשפּאַרט זיך, האָט זיך זשוקל, חיים-יאַנקלס הינטל, צוגעשאַרט צו דער דערשאָסענער קאַטשקע און האָט זי אַזוי צורעכט-געמאַכט אַז עס זיינען פון איר אַפילו קיין פעדערן ניט געבליבן.

—— :: ——

דער נאָדלער און דער האָז

די מעשה וואָס איך וועל אייך יעצט דערציילן, האָט מיר דערציילט מיין זיידע עליו השלום, ווילט איר קענט איר גלויבן, ווילט איר קענט איר ניט גלויבן, די ברירה איז ביי אייך.

יעדעס מאָל ווען מיין זיידע עליו השלום פלעגט איר דערציילן, פלעגט ער צוגעבן די פּאָר ווערטער: איר מוזט מיר גלויבן אויפן וואָרט אז דאָס וואָס איך דערצייל אייך איז אמת, ווייל ווען עס וואָלט געווען ליגן, וואָלט איך אייך דאָס ניט דערציילט. די מעשה הייבט זיך אָן אין אַ ליכטיקן, זומערדיקן פרימאָרגן. די זון איז דעמאָלט נאָר וואָס אויפגעגאַנגען, די פייגעלעך האָבן זיך נאָר וואָס אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבן זינגען אַ לויב-געזאַנג דעם ליבן זומער. די פייגעלעך האָבן זיך געזונגען, די בינען האָבן געזשומעט און געפלוינן פון איין בלימעלע צום צווייטן און די מענטשן זיינען געווען פאַרנומען יעדער איינער מיט זיין אַרבעט. אין דעם שיינעם ליכטיקן זומערדיקן פרימאָרגן זיינען נאָר געבליבן צוויי ליידיקגייער: דער נאָדלער, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעשפּאַצירט איבער פרעמדע גערטנער און איז יעצט אַרוים אויף דער ליכטיקער שיין און האָט אָנגעהויבן געשמאַק צו גענעצן און דער האָז, וואָס איז אַ גאַנצע נאַכט געשלאָפן און איז יעצט אַרוים אַ פאַרשלאָפענער און האָט אָנגעהויבן רייבן די אוינן און גענעצן. אין אַזאַ ליכטיקן פרימאָרגן האָבן זיך די ביידע ליידיקגייער געטראָפן. נאָכן העפלעכן באַגריסן זיך איז דער האָז געווען דער ערשטער וואָס האָט איבערגע-

רימן די שטילקייט פון דעם זומערדיקן פרימאָרגן. ער איז געווען בטבע אַ גרויסער בעל-גאווה און דעריבער האָט ער זיך געווענדעט צום נאָדלער מיט אַ טאָן וואָס איז געווען זייער ווייט פון די געזעצן פון העפלעכקייט: „ווי אַזוי האָסטו מיט דיינע קרומע פיסלעך, געוואַגט אַרויסגיין שפּאַצירן אין אַזאַ שיינעם פרימאָרגן?" דער נאָדלער, וואָס איז בטבע געווען אַ גאַנץ פריינטלעכער פּאַרשוין, האָט אַ ווײַלע געטראַכט און דערנאָך געענטפערט: איך בין פשוט אַרויס שפּאַצירן און דערווײַלע כאַפּן אַ שמועס מיט לייטן.

„אַזוי נאָר, שפּאַצירן, —האָט זיך דער האָז צעלאַכט.— דו, מיט דיינע קרומע פיסלעך, שפּאַצירן. זייער שיין!"

די באַמערקונג וועגן זיינע קורצע פיסלעך איז זייער און זייער ניט געפעלן געוואָרן דעם נאָדלער, ווײַל ער האָט אַליין געפילט אַז אין הינזיכט פון גיין אָדער לויפן קען ער זיך מיטן האָז ניט פאַרגלייכן. ס'האָט אים אָבער ניט געפּאַסט צו נאָכגעבן און דעריבער האָט ער געענטפערט מיט דעמזעלבן טאָן ווי דער האָז. מיט איין וואָרט, וואָס פאַראַ גוט-מאָרגן אַזאַ גוט-יאָר: „און דו מיינסט אודאי, —האָט ער געזאָגט,— אַז דיינע פיס קענען דיר ברענגען מער נוצן ווי מיינע".

„כאַ, כאַ —האָט זיך דער האָז צעלאַכט.— אפשר ווילסטו זיך נאָר וועטן מיט מיר ווער וועמען וועט איבעריאָגן?

—און פאַר וואָס ניט? —האָט דער נאָדלער געלאַסן באַמערקט.

—וואָס, דו מיינסט עס ערנסט?! —האָט דער האָז אויסגעשריגן. — ער האָט זיינע אייגענע אויערן ניט געגלויבט.

—געווים, מיין איך עס ערנסט, — האָט דער נאָדלער זיך געהאַלטן בײַ זיינס. דער האָז איז געוואָרן טשעקאַווע און ער האָט האַלב אין ערנסט און האַלב אין שפּאַס אַ פרעג געטאָן: אויף וואָס זשע ווילסטו זיך וועטן מיט מיר? דער נאָדלער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און דערנאָך געענטפערט מיט דער

זעלבער געלאַסנקייט ווי ער האָט געפירט דעם גאַנצן שמועס:

—אויף אַ פלאַש ביר! דער פרימאָרגן איז אַ הייסער, און אַ קאַלטער טרונק וועט געווים צונוץ קומען.

—איינשטימיק! — האָט אויסגערופן דער האָז און האָט גלייך אָנגעהויבן צו שאַרפן די פיס אויפן געלאָף.

—וואַרט אַ ווײַלע! — האָט אים אָפּגעהאַלטן דער נאָדלער. — איך האָב נאָך הײַנט אַפילו קיין לעפל וואַסער אין מויל ניט געהאַט. דו בלייב דאָ זיצן אונטער דעם ביימעלע און איך וועל דערווײַל צוגיין אַהיים און וועל דאָרטן עפעס איבערכאַפּן.

—אויך ניט שלעכט, — האָט דער האָז אײַנגעשטימט אויף דעם נײַעם פּלאַן — דו גיי אַהיים און איך וועל דאָ וואַרטן אויף דיר.

דער נאָדלער האָט זיך אַוועקגעשלעפּט אַהיים און דער האָז איז געבליבן זיצן אונטער אַ קליין ביימעלע.

„דער האָז האַלט צופיל פון זיך; ער איז צופיל אײַנגעגלויבט אין זײַנע לאַנגע פיס", — האָט דער נאָדלער געטראַכט. — וואַרט נאָר, איך וועל אים אָפּטאָן אַ שפּיצל. — קומענדיק אַהיים צו זיך אין שטוב האָט דער נאָדלער געזאָגט צו זײַן פרוי: טו זיך אָן, מײַן טײַערע, און מיר וועלן גיין שפּאַצירן. דעם נאָדלערס ווײַב, וואָס איז בטבע געווען אַ גרויסע פוילענצערין, געראָטן אין איר מאַן, האָט אָנגעהויבן גענעצן און זוכן תירוצים אויף צו קענען אויסדרייען זיך פון דעם געפּלאַנטן שפּאַציר.

—וואָס עפּעס אינמיטן דערינען שפּאַצירן? בא לײַטן איז יעצט די מאַטע אַרבעטס-צײַט און דו קלײַבסט זיך נאָר גיין שפּאַצירן. — האָט זי אָנגעהויבן צו זוכן תירוצים.

—עס האַנדלט זיך ניט אַזוי אין אַ שפּאַציר, — האָט איר דער נאָדלער געגעבן צו פאַרשטיין, ווי אין געווען. איך האָב זיך נאָר וואָס געוועט מיטן האָז ווער וועמען וועט איבעריאָגן.

—וואָס ביסטו משוגע געוואָרן? —, האָט אויסגעשריגן די נאָדלעריכע. — דו גייסט זיך וועטן מיטן האָז. דו מיט דיינע פיס!

די באַמערקונג פון זיין פרוי האָט שוין גראָדע שטאַרק פאַרדראָסן דעם נאָדלער. מילא, דער האָז האָט אים פאַרגע-וואָרפן, אויף דעם איז ער דאָך אַ האָז און דערצו נאָך אַ פרעמ-דער, אָבער פון דער איינענער ווייב האָבן אַזעלכע פאַרוואור-פן, אויף דעם האָט ער זיך שוין דוקא גאָרניט געריכט.

—דאָס איז ניט דיין עסק! — האָט ער שטרענג געזאָגט צו דער נאָדלעריכע. — טו זיך גלייך אָן און קום גלייך מיט מיר. — דערהערנדיק אזאַ שטרענגן טאָן האָט דעם נאָדלערס ווייב ניט געהאַט קיין אנדער ברירה ווי אָנטאָן זיך און מיט-גיין מיטן מאַן.

—ווען זיי זיינען אַרויסגעקומען אויפן ברייטן שליאַך, וואו עס האָט געזאָלט פאָרקומען דער געיעג, האָט דער נאָד-לער געזאָגט צו זיין פרוי:

—יעצט וועל איך דיר דערקלערן אין וואָס ס׳וועט באַ-שטיין מיין פּלאַן: — דו וועסט בלייבן זיצן אונטער אָט דעם ביימעלע און איך וועל דערווייל צוקומען צום האָז און וועל אָנהויבן דעם געיעג. דער האָז וועט געווים לאָזן זיך לויפן מי-טן גאַנצן אימפּעט; ווען ער וועט קומען צולויפן ביז דעם ביימעלע וואו דו וועסט זיצן, זאָלסטו פאַמעלעך אַרויסקריכן און זאָגן גאַנץ געלאַסן: „דו קומסט אָקאָרשט אָן און איך וואַרט שוין פון לאַנג אויף דיר!״ איך וועל דערווייל בלייבן זיצן אונטער יענעם ביימעלע, וואו עס זיצט יעצט דער האָז, און אַז ער וועט מיטן גאַנצן אימפּעט קומען צולויפן צוריק, וועל איך אים זאָגן דאָסזעלבע.

דער פּלאַן איז דוקא געפעלן געוואָרן דעם נאָדלערס פרוי. זי איז בטבע געווען זייער א פוילע און זי פלעגט שטענדיק זיין צופרידן פון יעדער באַשעפטיקונג בא וועלכער מען

דאַרף נאַרניט טאָן. דערוויילע איז דער הער נאָדלער צונגע־קומען צום האָז און געזאָגט: „אויב דו ווילסט קענען מיר שוין אָנהייבן דעם געוועט".

—מיט פאַרגעניגן, — האָט מיט גרויס נאַוה געענטפערט דער האָז. — איך וואַרט שוין פון לאַנג אויף דיר.

יעדער איינער פון זיי האָט זיך אוועקגעשטעלט אויפן זייט וועג, כדי ניט צו שטערן די טראַפיק און דער נאָדלער האָט אָנגעהויבן ציילן: איינס, צוויי, דריי. זאָל זיין אין אַ מזל־דיקער שעה!— האָט ער נאָך באַוויזן צוצוגעבן, ווי דער האָז האָט זיך אַ לאָז געטאָן פייל פון בוינן און איז אין אַ ווײַלע אַרום פאַרשוואונדן געוואָרן. דער נאָדלער איז זיך דערווײַלע אַרונטערגעקראָכן אונטערן בוימל, האָט זיך צוזאַמענגע־דרייט אין אַ קנויל און איז געבליבן ליגן. ווען דער האָז איז געקומען צולויפן אַ פאַרסאָפּעטער ביז דעם צווייטן עק וועג, האָט ער דאָרטן געטראָפן דעם נאָדלערס פרוי, וועלכע האָט אים אויפגענומען מיט די ווערטער: דו לויפסט נאָך און איך וואַרט שוין פון לאַנג אויף דיר!

„וואָס איז דאָס פאַר אַ טיוול!" האָט דער האָז געטראַכט בײַ זיך. — איך וועל מוזן אויף דאָס נײַ אָנהויבן דעם געיעג".

ער האָט דען געהאַט אַן אַנדער ברירה! ער האָט זיך נאָך שנעלער אַ לאָז געטאָן אויף צוריק. ווי גרויס אָבער איז געווען זיין דערשטוינונג ווען ער האָט אויפן צווייטן עק פעלד געטראָפן דעם נאדלער ווי ער זיצט זיך אַזוי רואיק און געלאַסן, און שמייכלט נאָך דערבײַ!

—וואָס, דו האַלסט נאָך אַלץ אין אַרומלויפן?! — האָט ער מער אין שפּאַס געזאָגט צום האָז, — און איך וואַרט שוין אַ צייט אויף דיר.

דער האָז איז געבליבן שטיין אַ פאַרסאָפּעטער, אַ פאַר־שוויצטער און מער פון אַלעם אַ פאַרוואונדערטער פון דעם וואָס דאָ קומט פאָר. מער פון אַלץ האָט אים פאַרדראָסן

דאָס וואָס דער נאָדלער איז זיך רואיק געזעסן און האָט נאָך חוזק געמאַכט פון אים. „אויב דו ווילסט, — האָט ער גאַנץ געלאַסן פאַרגעליינט דעם האָז, וועלן מיר אָנהויבן פון דאָס ניי”. דער אָרעמער האָז האָט סיי ווי קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. ער האָט פון דאָס ניי אָנגעהויבן צו לויפן. אויף אַזאַ אופן האָט ער נעבעך געמוזט דורכלויפן הין און צוריק גאַנצע 73 מאָל און יעדעס מאָל האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט די זעלבע געשיכטע: — דער נאָדלער פלעגט אים אויפנעמען מיט די זעלבע ווערטער: „וואָס, דו לויפסט נאָך אַלץ? און איך וואַרט שוין לאַנג אויף דיר!”

אופן פיר און זיבעציקסטן מאָל איז ער געבליבן ליגן אַ האַלב-טויטער פון מידקייט. ער האָט פאַרשפּילט דעם געוועט. פון דעמאָלט אָן האָט ער שוין אָנגעזאָגט זיינע קינדער און קינדס-קינדער מער ניט צו האָבן צו טאָן מיטן נאָדלער און ניט וועטן זיך מיט אים. און דערווייל האָט זיך דער נאָדלער מיט זיין פרוי געלאַסן אַוועקגעשלעפּט אַהיים טרינקען די פלאַש ביר וואָס ער האָט געוואונען. אויב ער איז נאָך ניט געשטאָרבן ביז יעצט, דערציילט ער געוויס זיינע קינדער און קינדס-קינדער די נסים ונפלאות וועלכע זיינען געשען מיט אים אין די יונגע יאָרן.

(פריי באארבעט פון רוסישן)

—:::—

הונגער דער בעסטער לערער

עס איז אַמאָל געבליבן אַ פרוי אַן אַלמנה וואָס האָט געהאַט אַ שטיקל פעלד אויף צו קענען ציען דערפון די חיונה, אַן איינציקן זון וואָס האָט געאַרבעט אויפן פעלד און מער גאָרנישט. די מאַמע מיטן זון האָבן טאָג און נאַכט געאַרבעט און האָבן קיינמאָל גאָרניט געהאַט. און עס איז קיין וואונדער ניט: עס איז שווער צו קענען עפּעס דערגרייכן ווען מען מוז אַרבעטן מיט די בלויזע הענט. האָבן זיי אַ לאַנגע צייט געשפּאָרט און געזאַמלט ביז וואַנען זיי האָבן אָנגעזאַמלט גענוג געלט אויף צו קענען קויפן אַן אָקס צו דער אַרבעט. דער אַלמנה׳ס זון איז ניט געווען קיין שלעכטער אַרבעטער. פאַרטאָג פלעגט ער אַרויסגיין מיטן אָקס אויפן פעלד און פלעגט דאָרט בלייבן ביז נאָך זונאונטערגאַנג. איינמאָל, ווען ער האָט אַזוי שווער געאַרבעט אויפן פעלד איז פאַרביינעפאָרן אַ רייכער קאָלאָניסט און האָט באַמערקט ווי עמעצער אַקערט מיט איין אָקס. האָט זיך דער רייכער קאָלאָניסט אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן דעם בחור:

—זאָג מיר נאָר, פאַר וואָס אַקערסטו עפּעס מיט איין אָקס און ניט מיט צוויי?

—איך האָב קוים מיט נרויסע שוועריקייטן און מאַטערניש געקריגן דעם איינציקן אָקס! — האָט דער אָרעמער בחור געענטפערט.

—אויב אַזוי, טאָ קום צו מיר, וועל איך דיר שענקען אַ צווייטן אָקס צו דער פּאָר, וועסטו קענען אַרבעטן מיט

מענטשן גלייך—האָט פאַרגעליינט דער רייכער קאָלאָניסט.

דער אַלמנה'ס זון האָט אים זייער פיין באַדאַנקט פאַר זיין גוטהאַרציקייט און האָט זיך אומגעקערט צו דער אַר-בעט. נאָך דער אַרבעט האָט ער זיך מישב געווען מיט זיין מאַמען וואָס זאָל ער טאָן, צי זאָל ער אָננעמען דעם געשאַנק פון קאָלאָניסט צי ניט. איז געבליבן ער זאָל פאָרן צום רייכן קאָלאָניסט כדי ער זאָל אויספּרואוון זיין מזל. און איר דאַרפט וויסן אַז דער קאָלאָניסט האָט געהאַט אַן אָקס אַן איינגע-שפּאַרטן, אַן עקשן וואָס האָט קיינמאָל ניט געוואָלט גיין אין שפּאַן. מיט איין וואָרט: ער האָט געהאַט אַן אמת'ן אָקס! איז דער אַלמנה'ס זון געקומען צום קאָלאָניסט און יענער האָט אים געגעבן דעם איינגעשפּאַרטן אָקס. דערביי האָט ער אים אָנגעזאָגט: „זאָלסט וויסן זיין אַז מיין אָקס איז זייער אַ שטאַרקער, אָבער ניט קיין צוגעוואוינטער צו דער אַרבעט. זע, לערן אים אויס און אַרבעט מיט אים וויפל דו ווילסט אַליין. זייער שווער איז אָנגעקומען צו ברענגען דעם איינ-געשפּאַרטן אָקס אַהיים: ער האָט זיך געוואָרפן אַן אַ זייט, געשלאָגן מיט די הערנער, געבריקעט מיט די פיס און ניט געוואָלט גיין. דער בחור האָט זיך פאַרמאַטערט ביז וואַנען ער האָט אים ווי עס איז געבראַכט צוטרייבן אַהיים. גיי האָב צו טאָן מיט אַן אָקס אַן עקשן! די אמת'ע צרות אָבער האָבן זיך אָנגעהויבן ווען מען האָט אים אויף מאָרגן נאָכן ברענ-גען אַהיים געוואָלט איינשפּאַנען אין אַקער: דעם יאָך האָט ער צעבראָכן, דעם אַקער האָט ער צעשמעטערט אויף שטיקלעך און דעם בחור, דעם נייעם בעל-הבית זיינעם, האָט ער צעמזיקט. מיט איין וואָרט: ער האָט באַוויזן וואָס ער קען, דער איינגעשפּאַרטער אָקס.

האָט די אַלמנה מיט איר זון אָנגעהויבן צו טראַכטן ווי אַזוי זאָל מען דעם אָקס, דעם עקשן, מאַכן צו-לייט. איז די אַלמנה געפאַלן אויף אַזאַ המצאה. „וויסטו וואָס, — האָט

זי נעזאָגט צום זון: מיר וועלן אים נאָר פּרוּוון לערנען מיט הוננערן. ער האָט צופיל כוחות און דעריבער איז ער אזוי ווילד." דער זון האָט איינגעשטימט צו דער מאַמעס פּאָר-שלאָג. אויף מאָרגן איז ער אַרויסגעפאָרן צו דער אַרבעט מיט זיין איינגעעם אָקס און דעם פרעמדן האָט ער געלאָזט אין קאַראַל אָן עסן. פאַרנאַכט איז ער געקומען פון דער אַרבעט, האָט אַרויסגעפירט דעם אָקס פון קאַראַל און גע-פּרוּווט אָנטאָן דעם יאָך. ערשט דער אָקס איז שוין פיל רו-איקער געוואָרן. דעמאָלט האָט אים דער בחור געגעבן עסן.

אזוי האָט זיך דער אַלמנה׳ס זון באַגאַנגען מיט דעם גע-שאָנקענעם אָקס אַ צייט, ביז וואַנען דער ווילדער עקשן איז געוואָרן מיט לייטן גלייך. אין אַ צייט אַרום איז דער רייכער קאַלאָניסט פאַרבייגעפאָרן און האָט באַמערקט ווי דער בחור אַקערט רואיק און געלאַסן מיט אַ פּאָר אָקסן. „זאָל עס טאַקע זיין מיין ווילדער אָקס? — האָט ער אים געפרעגט, — עס איז נאָרניט צו דערקענען.

„אזוי ווי דו זעסט, — האָט דער אַלמנה׳ס זון געענט-פערט, — איך האָב אים געמאַכט צו לייט און יעצט גייט ער אין שפּאַן אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין."

דער רייכער קאַלאָניסט האָט זיך ניט געקענט אָפּוואונ-דערן. און ערשט דעמאָלט טאַקע איז ער געפאַלן אויף אַ נייעם פּלאַן.

—ווייסטו וואָס, — האָט ער געזאָגט צום אָרעמען בחור, —זיז ביזט מיר געפעלן פאַר דיין בריה׳שקייט. אויב דו ווילסט קענען מיר ווערן נאָר נאָנטע פריינט: איך האָב אַ טאָכטער, אַ בת-יחידה. שיק שדכנים און האָב חתונה מיט מיין טאָכטער!

—גוט — האָט דער בחור געענטפערט, — איך וועל אָבער פריער זיך מישב זיין מיט דער מאַמען.

געקומען אַהיים נאָך דער אַרבעט, האָט דער אָרעמער

בחור געזאָגט צו זיין מאַמען: דו ווייסט, דער קאָלאָניסט וואָס האָט מיר אַוועקגעשאָנקען דעם אָקס, שדכנט מיר זיין טאָכטער.

די מאַמע האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט: „ניט אַנדערש אַז ער האָט חוזק געמאַכט פון דיר: ער וועט ניט אָפּגעבן זיין טאָכטער פאַר אַזאַ אָרעמאַן ווי דו“.

—דאָס וועלן מיר שוין שפּעטער זען; דערווייל, מאַמע, וועלן מיר פאָרן אָנקוקן די כלה.

און איר דאַרפט וויסן, אַז דער רייכער קאָלאָניסט האָט געהאַט אַ טאָכטער, אַ בת-יחידה, איז זי געווען נאָך אַ גרעסערער עקשן ווי דער ווילדער אָקס. טאַטע-מאַמע האָט זי ניט געפאָלגט, אַלסדינג פלעגט זי טאָן אויף צו להכעיס. לערנען האָט זי אויך ניט געוואָלט. דאָס איינציקע וואָס זי פלעגט טאָן גאַנצענע טעג איז געווען זיצן באַם פענצטער און עסן קאַראַמעלאָס.

דער קאָלאָניסט, נאָך דעם ווי ער האָט דערזען אַז פון זיין אָקס איז געוואָרן אַ לייט, האָט ער באַ זיך געטראַכט: אויב דער אַלמנה׳ס זון האָט געקענט מאַכן צו-לייט דעם אָקס, וועט ער מיין טאָכטער אויך אויסלערנען. איז דער קאָלאָניסט געקומען אַהיים און גלייך אָנגעזאָגט דער טאָכטער זי זאָל זיך גרייטן צו פאַרלאָזן די היים, ווייל ער וועט זי חתונה-מאַכן. די בת-יחידה האָט זיך איינגעשפּאַרט, געקאַפּריזעוועט, געוויינט, אָבער ס׳האָט איר גאָרניט געהאָלפן. מען האָט זי חתונה געמאַכט מיט דער אַלמנה׳ס זון.

נאָך דער חתונה האָט דער קאָלאָניסט געזאָגט צו זיין טאָכטער און צום איידעם: יעצט, קינדער, פאָרט געזונטערהייט אַהיים. דערביי האָט ער דער טאָכטער קיין נדן ניט געגעבן, אַפילו קיין שטיקל טרוקן ברויט ניט מיטגעגעבן. נאָר די מאַמע האָט באַוויזן אַריינטאָן עטלעכע קאַראַמעלאָס צו איר טאָכטער אין קעשענע אַריין. ווען דאָס יונגע פאָרפאָלק

איז געקומען אַהיים, האָט דעם נגידס טאָכטער, וואָס איז ניט געוואוינט געווען צו קיין ארבעט, פאַרקליבן זיך אין אַ ווינקעלע און אָנגעהויבן עסן די קאַראַמעלאָס, פאַרבייסנדיק זיי מיט קיכעלעך. איר מאַן מיט דער שווינער זיינען אַוועק צו דער אַרבעט. ערשט שפּעט אין אָוונט, נאָך זון-אונטער-גאַנג, זיינען זיי געקומען אַהיים און געטראָפן די יונגע פרוי זיצנדיק באַם פענצטער. אין אָוונט האָט זיך דעם יונגן ווייבל פאַרגלוסט טרינקען, האָט זי אַ געשריי געטאָן צום מאַן: ברענג מיר וואַסער צום טרינקען!

„ניטאָ קיין וואַסער אין שטוב, מען דאַרף גיין צום ברו-נעם און ברענגען", — האָט דער מאַן געענטפערט און איז אַרויס פון שטוב. ווען די יונגע פרוי האָט דערזען אַז דער מאַן פאָלגט זי ניט, האָט זי געבעטן די אַלמנה זי זאָל איר ברענגען א טרונק וואַסער. די אַלמנה אָבער האָט איר גע-ענטפערט: „באַ אונז איז אָנגענומען אַז ווער עס וויל טרינ-קען מוז אַליין גיין נאָך וואַסער." איז דאָס ווייבל ברוגז געוואָרן און אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט אין אַ ווינקעלע. אויף מאָרגן איז דער זון מיט דער מאַמען ווידער אַוועק צו דער אַרבעט און די יונגע פרוי איז געבליבן אין דער היים. ערשט דעמאָלט איז זי אַרויס פון ווינקעלע, וואו זי איז אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט, און אַוועק און געבראַכט וואַסער צום טרינקען. באַ-טאָג איז די אַלמנה געקומען אַהיים, געמאַכט פייער און צו-געגרייט עסן. אויף מיטאָג איז דער זון אויך געקומען. זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש און די יונגע בעל-הבית׳טע אַפילו ניט צוגערופן. נאָך מיטאָג האָבן זיי זיך אָפּגערוט אַ ווײַלע און אַוועק צו דער אַרבעט. די יונגע פרוי האָט געזען אַז פאַר איר האָט מען גאָרניט איבערגעלאָזן, האָט זי גענו-מען אַ שטיקל טרוקן ברויט און אויפגעגעסן אויפמאָרגן איז זי שוין געווען געבונג הונגעריק. זי איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי און געבראַכט וואַסער. באַטאָג איז צום ערשטן געקו-

מען די אַלמנה און האָט זיך נעשטעלט צונרייטן מיטאָ. שפּעטער איז נעקומען דער זון און זיי בײדע האָבן זיך נע־זעצט צום טיש עסן מיטיק. דאָס מאָל האָט די אַלטע דער־לאַנגט דער שנור אַ טעלער זופּ און דערביי נעזאָנט: „דאָס האָסטו פאַרן וואַסער וואָס דו האָסט צונעגרייט.“ אויפן דריטן טאָג האָט די יונגע פרוי פאַרשטאַנען אַז ס׳וועט איר נאָרניט העלפן, אַז אויב זי וויל עסן, וועט זי מוזן אַרבעטן. איז זי אויפנעשטאַנען, נעבראַכט וואַסער, האָלץ און צונעגרייט פּייער. באַטאָג איז נעקומען די אלמנה, אָפּנעקאָכט מיטיק, דערלאַנגט דאָס עסן צום טיש און נעזאָגט צו דער שנור: „יעצט, טאָכטער, קום צום טיש זעץ זיך עסן צוזאַמען מיט אונז: דעם מיטיק האָב איך אָפּנעקאָכט מיטן וואַסער וואָס דו האָסט נעבראַכט און מיטן פּייער וואָס דו האָסט צונע־נרייט.“ האָט די בת־יחידה שוין פאַרשטאַנען אַז דאָ ניט מען ניט צו עסן אויב מען אַרבעט ניט, האָט זי ביסלעכוויז אָנ־נעהויבן צונעוואוינען זיך צו די שטוביקע אַרבעטן: דאָ קערט זי אויס דעם דיל, אַ צווייט מאָל וואַשט זי אויס די טעלער מיט די לעפל, אַ דריטמאָל ברענגט זי וואַסער און נרייט צו פּייער. ביסלעכוויז, ביסלעכוויז האָט זי זיך צונעוואוינט צו דער אַרבעט און אין שטוב האָט אַלעם באַקומען נאָר אַן אַנדער אויסזען: יעדעס ווינקעלע האָט אָנגעהויבן גלאַנצן, די שטוביקע אַרבעטן זיינען נעוואָרן אָפּנעטאָן און זי אַליין איז אויך נעוואָרן פריילעכער.

אין אַ צייט אַרום איז איר פאָטער פאַרביינעפאָרן דאָרט וואו ס׳האָט נעוואוינט דער איידעם און ער איז אַריין נעשאָר ווערן צו זיין טאָכטער. זי האָט אים אויפנענומען אַ פריילעכע און צופרידענע מיט איר מזל. דער פאָטער האָט זיך נאָרניט נעקענט אָפּוואונדערן פון דעם נוטן שנוי וואָס איז פאָרנעקומען מיט זיין טאָכטער. ער האָט דאָס יונגע פּאָרפאָלק איינגעלאַדן צו זיך אַהיים. דאָס מאָל האָט ער זיי

אויפגענומען זייער גוט און באַם געזעגענען זיך האָט ער גע-
שאָנקען דער טאָכטער אַ גאַנצן נדן. דאָס יונגע פּאָרפאָלק
איז אַוועקגעפאָרן אַהיים האָט אָנגעהויבן פלייסיק צו אַרבע-
טן און געניסן פון זייער אַרבעט.

(באַאַרבעט פון רוסיש)

———:::———

בערעלע גבור

אין אַמאָליקע צייטן האָט געלעבט א העלד, אַ גבור צו וועמען עס איז קיין גלייכן ניט געווען אויף דער גאַנצער וועלט. ער האָט געהייסן בערעלע גבור. איז בערעלע גבור געווען אזוי באַרימעריש דאָס ער איז איבער דער גאַנצער וועלט אַרומגעפאָרן און אומעטום זיין גבורה באַוויזן. האָט ער אַ סך צרות אויף דער וועלט געבראַכט מיט זיין גבורה. ווי נאָר ער פלעגט קומען אין א פרעמד לאַנד, אַזוי גלייך פלעגט ער צעטרעטן די פעלדער, אויסהאַקן די וועלדער ביזן וואָרצל; ער פלעגט פאַרברענען די שטעט און די איינוואוינער אויס־הרג׳ענען אָדער פאַרטרייבן צו שקלאַפן־אַרבעט.

האָבן אַלע פאר אים געציטערט און די גאַנצע וועלט האָט פאַר אים מורא געהאַט. אַפילו פאַר די קעניגן און פרינצן האָט ער ניט מורא געהאַט. ער פלעגט זיי פאַנגען, פאַרשפאַרן אין די פינצטערע קעלערם און דערנאָך פאָדערן אָן שיעור אויסלייז־געלט. צו דעם אַלעמען איז בערעלע גבור געווען אזאַ שלעכטער דאָס ער האָט אויף קיינעם קיין רחמנות ניט געהאַט. און איבער נאָר דער וועלט האָט זיך קיינער ניט געפונען ווער ס׳זאָל זיך וואַגן שטעלן אַנטקעגן בערעלע גבור. די גאַנצע וועלט האָט זיך אים געמוזט אונטערגעבן. איז דעמאָלט בערעלע גבור געוואָרן באַ זיך נאָך גרעסער און באַשלאָסן מלחמה האַלטן מיט גאָט אַליין. איז ער אַוועקגעפאָרן אין יענעם וויטן לאַנד אַריין, וואו הימל מיט ערד קומען זיך צונויף און ר׳האָט גערעכנט אַז דאָרטן

וועט ער זיך קענען טרעפן מיט נאָט אַליין און וועט מיט אים מלחמה האַלטן. ער האָט גערעכנט אַז ער וועט קענען בייקומען גאָט אַליין, ווייל הויך איז בערעלע גבור געווען אַז ער פלעגט מיטן קאָפּ ביז די וואָלקן דערגרייכן און שטאַרק איז ער געווען אַזוי, דאָס ווען ער פלעגט גיין, האָבן די ביי-מער פאַר אים געציטערט.

ווען ער איז אָנגעקומען אין יענעם לאַנד אַריין וואו הימל מיט ערד גרענעצן זיך, האָט זיך אויפגעהויבן אַזאַ שטורעם דאָס די וועלדער זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצ-לען, די טייכן זיינען פון די ברעגעס אַרוס און די ערד האָט אָנגעהויבן צו ציטערן. איז זיך בערעלע גבור אַזוי געפאָרן איבער יענעם וויטן לאַנד, מלחמה האַלטן מיט גאָט, און גע-מיינט אַז קיין שטאַרקערס פון אים איז נאָר אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ.

ערשט איינמאָל ווי ער פאָרט אַזוי איבערן וועג באַגע-גנט ער אַן אַלטיטשקע וואָס איז שוין אַזוי אַלט און שוואַך, דאָס קוים וואָס זי שלעפּט זיך איבערן וועג. ווען ער איז צו-געקומען נענטער האָט בערעלע גבור דערזען ווי די אַל-טיטשקע האַלט אין האַנט אַ שאַרפע קאָסע. ווי נאָר זי האָט דערזען בערעלע גבור האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן וועג און ניט געוואָלט אָפּטרעטן ניט אויף רעכטס און ניט אויף לינקס. האָט בערעלע גבור אַ געשריי געטאָן צו דער אַלטיטשקער: אַראָפּ פון וועג! דו זעסט דען ניט ווער ס'פאָרט דיר אַנטקעגן? איך בין בערעלע גבור און איך פאָר מלחמה-האַלטן מיט גאָט אַליין. אַראָפּ פון וועג, — האָט ער צו איר נאָך שטאַרקער אַ געשריי געטאָן, — אויב ניט, וועל איך דיך מיט די פיס צעטרעטן!

די אַלטיטשקע אָבער, וועלכע איז געווען דער טויט אַליין, האָט זיך ווייניק-וואָס דערשראָקן פאַר בערעלע גבור. זי איז געבליבן שטיין אויפן זעלביקן אָרט וואו זי איז גע-

שטאַנען. זי האָט אים אַ ווײַלע באַטראַכט און אויסגערופן: „זע, דו, באַרים זיך ניט אַזוי!" איז בערעלע גבור נאָך מער אין כעס געוואָרן, איז ער צוגעפאָרן מיט זיין פערד ביז צו איר, האָט אַרויסגעכאַפּט די שווערד און געוואָלט מיט איין מאַך איר דעם קאָפּ אַראָפּנעמען. די אַלטיטשקע האָט זיך אָבער ווייניק-וואָס דערשראָקן פאַר בערעלע גבור. זי האָט אַ בלאָז געטאָן אויף אים און ער איז גלייך פון פערד אַרונטער-געפאַלן און געבליבן ליגן אויף דער ערד אומבאַוועגלעך. דעמאָלט איז די אַלטיטשקע נאָך נענטער צוגעגאַנגען צו בערעלע גבור און אים געזאָגט: זעסט וואָס פאַראַ גבור דו ביסט, אַז פון איין בלאָז מיינעם ביסטו אומגעפאַלן. האָט זיך בערעלע זייער שטאַרק דערשראָקן און ער האָט אָנגעהויבן וויינען און קלאָגן און בעטן זיך רחמים בײַ דער אַלטיטשקער: טייערע אַלטיטשקע, — האָט ער זיך געבעטן —, לאָז מיך לעבן כאָטש נאָך דריי יאָר! אָבער די אַלטע האָט ווייניק וואָס רחמנות אַרויסגעוויזן אויף בערעלע גבור און האָט קאַלט געזאָגט: אַפילו קיין דריי חדשים וועסטו מער ניט לעבן! האָט בערעלע גבור ווידער אָנגעהויבן בעטן זיך: כאָטש נאָך דריי וואָכן לאָז מיך לעבן!

אָבער די אַלטע איז געבליבן אומרחמנותדיק ווי אַ שטיין און האָט אים קאַלטבלוטיק געענטפערט: אַפילו קיין דריי טעג וועסטו מער ניט לעבן.

דעמאָלט האָט בערעלע גבור, וועלכער האָט איינגענומען די גאַנצע וועלט, אָנגעהויבן וויינען און קלאָגן אויף זיין פינצטערן מזל און בעטן רחמים בײַ דער אַלטער: „לאָז מיך לעבן כאָטש נאָך דריי שעה! איך האָב אָנגעזאַמלט אַ סך רייכקייט, האָב אָנגעקליבן גאַנצענע אוצרות מיט גאָלד און זילבער, מיט בריליאַנטן און פערל. איך וועל יעצט צע-טיילן מיינע אוצרות צווישן די אָרעמע, אבי לאָז מיך נאָך אַ ביסעלע לעבן".

דעמאָלט האָט די אַלטע צו אים אַזוי געזאָגט: „דו האָסט אָפּגעלעבט אַ לעבן און קיין אַנדער זאַך ניט אויסגעלערנט זיך צו טאָן חוץ עסן, טרינקען, באַרימען זיך און אָפּ־חוזקן פון גוטע מענטשן. יעצט איז שוין צו שפּעט דו זאָלסט קע־נען חרטה האָבן. די גאַנצע וועלט האָסטו טאָקע איינגענו־מען, אָבער מיך האָסטו ניט געקענט באַזיגן.״

און אַזוי ווי זי האָט נאָר געענדיקט ריידן האָט די אַלטיטש־קע אַ מאַך געטאָן מיט איר שאַרפער קאָסע און אַרויסגענו־מען בערעלעס נשמה פון זיין גרויסן גוף. איז בערעלע גבור געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך און האָט שוין מער ניט גע־טראַכט וועגן באַזיגן די וועלט. אַזוי האָט פאַרענדיקט זיין לעבן בערעלע מזיק, וואָס האָט די גאַנצע וועלט באַזיגט און דעם טויט האָט ער ניט געקענט בייקומען.

(איבער־געזעצט דעם 1־טן יאנואר 1937)

——:——

די ווירקונג פון גוטע מעשים

(אן אראביש מעשה׳לע)

אין אַ קליין דערפעלע, וואָס האָט זיך געפונען צופוסנס פון הויכע בערג, האָבן געוואוינט דריי שכנים, דריי גוטע ברידער, וועלכע האָבן געלעבט אין שלום און ניט געוואוסט פון קיין קנאה און שנאה. און דערפאַר טאַקע האָט זיי אַלאַ דער אַלמעכטיקער באַשאָנקען מיט אַלדאָס גוטס: זיי האָבן געהאַט גאַנצע סטאַדעס שאָף וואָס האָבן זיך געפאַשעט איבער די בערג און טאָלן, זיי האָבן געהאַט וויינגערטענער און דער ווין וואָס זיי פלעגן אויסטרעטן אין זייערע ווין-קעלטערס איז געווען פריש און קיל ווי דער שניי אויף די בערג. ברייטע פעלדער מיט גערשטן און ווייץ האָבן זיך אויסגעשפרייט ביז צו די בערג. געדיכטע סעדער מיט פאָמעראַנצן-ביימער און שטאָלצע ציפּרעסן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין די טאָלן און וויינגערטענער אַזוי ווי געדיכטע צוימען זיינען געוואָקסן באַ די ווענט.

אין שפע און רייכטום האָבן געלעבט אונזערע שכנים; אַלאַ האָט זיי באַשאָנקען מיט אַלדאָס גוטס און זיי וואָלטן געוויס אָפּגעלעבט זייערע יאָרן אין נחת און וואוילטאָג, ווען ניט דער בייזער גייסט וואָס לויערט שטענדיק אויף יעדן טריט פון גלויביקן און זוכט אַלערליי מיטלען אויף צו קענען אויספּרוּוון זיין געדולד און זיין גלויבן אין אַלאַ דעם אַלמעכטיקסטן.

טרעפט זיך איינמאָל, אַז אונזערע דריי שכנים זיינען

אַוועק שפּאַצירן און זיינען פאַרקראָכן ווייט, ווייט אין די בערג. דאָרט האָט זיך געפונען אַ טיפע הייל און מען האָט געשמועסט, אַז אין אירע טיפע, פאַרבאָרגענע קעמערלעך געפינען זיך גאַנצענע אוצרות מיט גאָלד און בריליאַנטן. האָבן זיך אונזערע שכנים אַראָפּגעלאָזט אין הייל אריין און אָנגעהויבן אַרומקריכן איבער אירע קעמערלעך און לאַבירינטן. עס קאָן זיין, אַז זיי וואָלטן אַזוי לאַנג אַרומגעקלעטערט ביז וואַנען זיי וואָלטן געוואָרן מיד. און אַרוים צוריק אויף דער ליכטיקער שיין, אָבער דער בייזער גייסט וועלכער לוערט אויף יעדן טריט פון רעכטגלויביקן און לאָזט ניט דורך קיין שום געלעגנהייט אויף צו קענען שטרויכלען אים, האָט אָפּגעטאָן אַ בייזן שפּאַס. ווען אונזערע שכנים זיינען אריין אין איינעם פון די זייטיקע קעמערלעך, האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ שרעקלעכער טראַסק און דער אַריינגאַנג פון דער הייל איז פאַרשאָטן געוואָרן. עס איז דערביי געוואָרן אַזוי פינצטער דאָס מען האָט ממש געקענט די פינצטערניש אָנטאַפּן און שטיל איז געווען ווי אין אַן אויער: פון דרויסן איז מער אַהין ניט דערגאַנגען קיין שום קלאַנג, און קיין שום רויש פון דער לעבעדיקער וועלט האָט מער ניט דערגרייכט צו זיי. האָבן די דריי גוטע שכנים פאַרשטאַנען אַז דאָס האָבן די בייזע בערג-גייסטער אָפּגעטאָן אַזאַ שפּאַס מיט זיי. זיינען זיי געבליבן זיצן אין דער פינצטערניש און געוואַרט אויפן ווילן פון אַלאַ.

אָבער ווי לאַנג קען מען דען זיצן אין דער פינצטערניש און וואַרטן? האָבן זיי אָנגעהויבן זוכן מיטלען ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען זיך פון זייער לאַגע. נאָך אַ צייט טראַכטן האָט דער עלטסטער פון די שכנים, אַבדולאַף, זיך אָפּגערופן: הערט זיך איין, ברידער! דאָס וואָס איז געשען מיט אונז איז געווים אַ שטראָף פון אַלאַ פאַר די זינד וואָס מיר זיינען באַגאַנגען. איך האָב אַן עצה ווי אַזוי איבערצובעטן אַלאַ'ן דעם

אַלמעכטיקן און באַפרייט צו ווערן פון דער שלעכטער לאַגע אין וועלכער מיר זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן. זאָל יעדער איינער פון אונז דערציילן וועגן די גוטע מעשים וואָס ער האָט אויפגעטאָן אין פאַרלויף פון זיין לעבן און ס׳וועט געשען אַז אונזערע מעשים וועלן דערגרייכן ביז צו אַלאַ, וועט ער רחמנות קרינן אויף אונז און וועט שיקן זיין גוטן מלאך אויף אַרויסצוראַטעווען אונז פון די נעגל פונעם בייזן גייסט. —אַזוי האָט געזאָגט אַבדולאַף, דער סאַמע עלטסטער און קלוגסטער פון די שכנים— און האָט זיך געווענדעט צום שכן וואָס איז געזעסן באַ זיין רעכטער האַנט און געקייט אַ טרוקענע פייג. „הויב אָן דו, איבראַהים! —האָט ער צו אים געזאָגט. איבראַהים, וועמענס פנים מען האָט ניט אַרויסגעזען צוליב דער פינצטערניש, האָט אויפגעהערט צו קייען די פייג, האָט אָפּגעהוסט און אָנגעהויבן צו דערציילן:

„מיט אַ סך יאָרן צוריק האָב איך געדונגען אַרבעטער אויף אַראָפּצונעמען דעם גערשטן פון די פעלדער. איינמאָל, אין מיטן טאָג, ווען די ארבעטער זיינען געווען פאַרנומען באַ דער אַרבעט, האָט זיך באַ מיר אויפן פעלד אָפּגעשטעלט אַ דורכגייער און געבעטן איך זאָל אים צונעמען צו דער אַרבעט. ער האָט געזאָגט אַז ער קומט פון אַ ווייטן דאָרף, וואו ער האָט איבערגעלאָזט אַ קראַנקע פרוי מיט אַ פּאָר קינדער. איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט גענוג אַרבעטער אויף צו קענען אַראָפּנעמען דעם גערשטן פון די פעלדער. אָבער איך האָב זיך דערמאָנט דעם אָנזאָג פון אַלאַ, וועלכער הייסט רחמנות האָבן אויפן אָרעמאַן און פריינטלעך אויפנעמען דעם פרעמדן, —האָב איך אים איבערגעלאָזן און ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אַרבעטער. האָט ער אָפּגעאַרבעט עטלעכע טעג און איז געבליבן מיט די אַרבעטער ביז וואַנען זיי האָבן פאַרענדיקט אַראָפּנעמען דעם גערשטן פון די פעלדער. אין דעם לעצטן טאָג פון שניט

פאַרנאַכט האָב איך יעדן איינעם פון די אַרבעטער נעגעבן זיין
לוין. אויך פאַר דעם פרעמדן, צונעקומענעם אַרבעטער האָב
איך באַשטימט צו נעבן אים זיין פולן לוין. ער איז אָבער
נעווען אַזוי דערשלאָגן פון נויט, דאָס ער האָט נעכאַפּט אַ
פּאָר הויפנס נערשטן, האָט נענומען אַ פּאָר פּלעצלעך און
איז מיט דעם אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק דעם לוין. האָב איך
אָנגעהויבן צו טראַכטן וואָס איך זאָל טאָן מיטן געלט, וואָס
לויטן אָנזאָג פון אַלאַ האָט עס שוין געהערט ניט צו מיר,
נאָר צו מיין אַרבעטער. האָב איך פאַרן געלט געקויפט אַ
קאַלב און האָב עס אָנגעהויבן האָדעווען, וואַרטנדיק אַז מיין
צופעליקער אַרבעטער זאָל עס קומען אָפּנעמען.

דערווייל האָבן נעמיטן טעג, וואָכן, חדשים און אַפילו
יאָרן און דער איינגטימער פון קאַלב האָט זיך נאָך אַלץ ניט
באַוויזן. דערווייל האָט זיך דאָס קאַלב אויסגעהאָדעוועט
און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קו. די קו האָט מיט דער צייט
נעהאַט קעלבעלעך. אויף אַזאַ אופן איז אין עטלעכע יאָר
אַרום געוואָרן אַ גאַנצע סטאַדע. איך האָב זי נעהיט ווי די
אוינן פון קאָפּ און האָב ניט אָנגערירט קיין איין קו און ניט
געטשעפּעט קיין איין קאַלב. איינמאָל, זומער-צייט, פאַר-
נאַכט, ווען מען האָט נעבראַכט צו טרייבן די סטאַדע פון
פעלד, איז אָנגעקומען אַן אַלטער מאַן און געבעטן איך זאָל
אים אריינלאָזן אין שטוב און נעבן אַ נאַכטלעגער. איך האָב
נעהייסן ברענגען וואַסער אויף אָרומוואַשן זיינע פיס, ווייל
מען האָט דערקענט אַז ער קומט פון אַ ווייטן וועג. דערנאָך
האָב איך אים אַריינגערופן אין שטוב, געגעבן עסן און טרינ-
קען און געפרעגט פון וואַנען ער קומט און וואוהין ער רעכנט
צו גיין. דער אַלטער האָט מיר דערציילט אַז מיט יאָרן צו-
ריק איז ער שוין דאָ געווען און געאַרבעט באַ מיר אויפן
פעלד. ער האָט אָבער דעמאָלט ניט באַוויזן צו אָפּנעמען
זיין לוין, ווייל די פרוי איז באַ אים נעווען קראַנק און ער האָט
זיך זייער נעאיילט אויף צו זען וואָס זי מאַכט.

ווען ער האָט געענדיקט דערציילן האָב איך אים גע-
פרעגט: „וואָס וואָלסטו געטאָן ווען איך קער דיר אום יעצט
דיין לוין?"

דער אַלטער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און דאַן האָט ער
צו מיר אַזוי געזאָגט:

—איך וואָלט צו אַלעם ערשטן געדאַנקט אַלאַין פאַר זיין
חסד און גענאָד און נאָכער וואָלט איך דיר געדאַנקט פאַר
דיין אָרנטלעכקייט און פאַר דיין גוט האַרץ.

ווען ער האָט געענדיקט ריידן האָב איך אים אָנגענומען
פאַר דער האַנט, האָב אים אַרויסגעפירט אין דרוסן און צו
אים געזאָגט: „דו זעסט די סטאַדע קי מיט די יונגע קעלבער,
דאָס אַלץ איז דיינס! דאָס איז דער לוין פון דיין אַרבעט. איך
האָב עס אָפּגעהיט ווי די אויגן פון מיין קאָפּ.

ווען דער אַלטער האָט דאָס דערהערט האָט ער צום
אַלעם ערשטן געדאַנקט אַלאַין פאַר זיין חסד און גענאָד,
דערנאָך האָט ער מיט טרערן אין די אויגן זיך געזעגנט מיט
מיר און אַוועקגעטריבן זיין סטאַדע צו זיך אַהיים."

ווי נאָר איבראַהים האָט פאַרענדיקט דערציילן, האָט
זיך באַוויזן אַ שטראַל ליכט אין דעם פאַרשאָטענעם אַריינ-
גאַנג פון הייל און צוזאַמען מיטן שטראַל ליכט איז געבוירן
געוואָרן אַ שטראַל האָפענונג אין די הערצער פון די פאַר-
שאָטענע שכנים.

ווען אַבדולאַף האָט אויסגעהערט די געשיכטע פון זיין
שכן איבראַהים, האָט ער באַדאַנקט אַלאַין פאַר זיין חסד און
גענאָד און דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע שכנים
מיט די ווערטער:

—גרויס איז אַלאַ'ס חסד! איך זעט דעם שטראַל וואָס
האָט זיך אַקאָרשט אַריינגעריסן צו אונז אין הייל, דאָס איז אַ

סימן אַז אונזערע תפלות זיינען דערגאַנגען צו אלאין און ער האָט דערהערט אונזער געבעט. איינער פון אונז האָט שוין דערציילט. יעצט בלייבט מיר ביידע זאָלן דערציילן. הויב אָן דו, מיין גוטער שכן, און אַז דו וועסט ענדיקן, וועל איך עפּעס דערמאנען זיך.

דאוד האָט אויסגעהערט די ווערטער פון זיין שכן אבדו-לאף און האָט אָנגעהויבן צו ריידן: איך ווייס ניט וואָס איך זאָל אייך דערציילן. אַלאַ האָט מיך באַשטראָפט מיט אַ קורצן זכרון. די גוטע מעשים וואָס איך האָב ווען-עס-איז אין מיין לעבן באַגאַנגען, זיינען פאַרשוואונדן ווי די וואָלקן אויפן הימל און די שלעכטע זיינען געבליבן איינגעקריצט ווי די אויסגעקריצטע אותיות אויף די דענקמעלער, סיידן כ׳זאָל אפשר פּרואוון דערציילן דעם פאַל וואָס איז מיט מיר געשען:
—מיט יאָרן צוריק האָב איך איינמאָל געאַרבעט באַ זיך אין גאָרטן. פאַרנאַכט, ווען איך האָב שוין געהאַלטן באַם פאַר-ענדיקן מיין אַרבעט, האָט זיך באַם טויער פון גאָרטן אָפּגע-שטעלט אַן אַלטער בעטלער. אָנגעטאָן איז ער געווען אין שמאַטעס. מען האָט דערקענט אַז ער קומט פון זייער אַ וויטן וועג און אַז ער איז זייער פאַרמאַטערט פון גיין. ער האָט אויסגעשטרעקט זיין ציטערדיקע האַנט נאָך אַ נדבה און האָט מיך בשעת מעשה אָנגעקוקט מיט זיינע רויטע, פאַרטרערטע אויגן. איך האָב אָנגעהויבן צו זוכן אויף צו קענען געבן עפּעס דעם אַלטן, אָבער איך האָב גאָרניט גע-פונען. און צו מיין שטוב איז אויך געווען ניט נאָנט. אַ ווײַלע בין איך געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט. דערווײַלע איז דער אַלטער געבליבן שטיין מיט אויסגעשטרעקטע, ציטע-רנדיקע הענט. פּלוצלונג האָב איך דערזען אַ ציבעלע וואָס איז געוואָקסן באַ מיינע פיס. איך האָב לאַנג ניט געטראַכט, האָב אויסגעריסן די ציבעלע און עס דערלאַנגט דעם אַלטן. ער האָט זי צוגענומען מיט זיינע ציטערדיקע הענט, האָט זי

אַריינגעלייגט אין טאָרבע און איז אַוועק מורמלענדיק אַ תפלה צו אַלאַ דעם אַלמעכטיקן.

ווי נאָר דאוד האָט פאַרענדיקט דערציילן זיין קורצע פּאַסירונג האָט זיך אין דער פינצטערניש דורכגעריסן אַ צווייטער שטראַל און האָט נאָך מער באַלויכטן די הייל און אַריינגעגעבן נאָך מער האָפענונג אין די הערצער פון די פאַרשאָטענע שכנים.

— „גרויס איז אַלאַ און גרויס איז זיין חסד איבער די גלוביקע! — האָט אויסגערופן אַבדולאַף, ווי נאָר דאוד האָט פאַרענדיקט זיין מעשה'לע און דער צווייטער שטראַל ליכט האָט זיך באַוויזן. יעצט בלייבט איך זאָל ז'ערציילן.

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און דערנאָך אָנגעהויבן:

„מיט יאָרן צוריק, ווען איך בין נאָך געווען אַ יונגער אינגל, איז מיר אויסגעקומען אַוועקגיין מיט מיינע סטאַדעס ווייט, ווייט אין פעלד אַריין. און איך דאַרפט וויסן, אַז יעדן פאַרנאַכט, אײדער דער מולאַ פלעגט רופן די גלוביקע צו דער פאַרנאַכטיקער תפלה, פלעג איך אָנמעלקן אַ קרוג מילך און עס אַוועקטראָגן אַהיים צו מיינע עלטערן, כדי מקיים צו זיין דאָס געבאָט פון אונזער הייליקן נביא. דאָס מאָל האָב איך אָנגעמאָלקן אַ פולן קרוג מילך און, איבערלאָזנדיק די סטאַדעס אונטער דער אויפזיכט פון מיין אינגערן ברודער, האָב איך זיך מיט דער קרוג אויפן אַקסל געלאָזט אין דער ריכטונג פון אונזער שטוב.

אין מיטן וועג האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף צו זאָגן מיין פאַרנאַכטיקע תפלה. איך האָב נאָך ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן דאָס געבעט, ערשט ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ געדיכטער, שוואַרצער וואָלקן. די אונטערגייענדיקע זון איז אין גאַנצן פאַרשטעלט געוואָרן. ס'איז מיטאַמאָל געוואָרן פינצטער. עס האָט אָנגעהויבן צו בליצן און דונערן און עס האָט אַ גאָס געטאָן מט אַ שלאַקס-רעגן. איך האָב אויפגע-

זוכט אַ בוים מיט ברייטע צווייגן און האָב איבערגעוואַרט דעם שטורעם. עס האָט ־אָנג ניט געדויערט און עס איז געוואָרן שטיל. די לבנה האָט זיך באַוויזן פון צווישן די וואָלקנס און איך בין מיט דער קרוג אויפן אַקסל אַוועק אַהיים.

ווען איך בין צוגעקומען צו אונזער שטוב האָב איך דערזען אַז טיר און פענצטער זיינען צוגעמאַכטע און קיין שטראַל זעט זיך ניט אַרוים דורך די לאָדנס. האָב איך פאַרשטאַנען אַז טאַטע-מאַמע שלאָפן שוין. האָב איך זיך ווידער דערמאָנט אינעם אָנזאָג פון אונזער נביא ווענן אָפּגעבן כבוד אונזערע עלטערן. בין איך געבליבן שטיין מיט דער קרוג אין האַנט באַ דער טיר פון אונזער שטוב, כדי ב׳זאָל ניט אויפוועקן טאַטע-מאַמע פון זייער באַנאַכטיקן שלאָף. אַזוי בין איך אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט. ערשט אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען די שטראַלן פון דער זון זיינען אַריינגעדרונגען אין אונזער שטוב און האָבן אויפגעוועקט מיינע עלטערן, בין איך אַריין אין שטוב און האָב איבערגעגעבן די קרוג מיט מילך דער מאַמע מיינער, וועלכע האָט פונקט אין דעם מאָמענט געהאַלטן אין מאַכן פייער. דערביי האָב איך געבעטן אַנטשולדיקונג באַ מיינע עלטערן דערפאַר וואָס איך האָב פאַרשפּעטיקט און ניט באַוויזן צו ברענגען די מילך אין דער געהעריקער צייט.

צוליבן שטיין אַ גאַנצע נאַכט זיינען מיינע פיס פאַרגליווערט געוואָרן, די אויגן האָבן זיך מיר געקלעפּט פון מידקייט און די קני האָבן באַ מיר געציטערט. גלייך נאָך דעם ווי איך האָב דערלאַנגט די קרוג מילך, בין איך איינגעשלאָפן פון מידקייט און אַזוי אָפּגעשלאָפן אַ גאַנצע טאָג״. — מיט די ווערטער האָט אַבדולאַף פאַרענדיקט זיין מעשה׳לע. ווי נאָר ער האָט פאַרענדיקט אַזוי האָט זיך אין הייל אַריינגעריסן אַ גאַנצער שטראָם ליכט. דער אַריינגאַנג פון הייל איז ווידער געבליבן פריי. די שכנים האָבן באַדאַנקט אַלאַין און זיינען בשלום אַרום פון הייל.

די אמת׳ע אוצרות

אין אַמאָליקע צייטן האָט געלעבט אַ רייכער מאַן, וואָס איז געווען באַרימט מיט זיין גוט האַרץ און אײדעלען כאַראַקטער. ער האָט געהאַט אַ טבע צו פאַרטיילן צדקה, צו געבן לייטן גמילות - חסדים און צו שטיצן אַלע נויטבאַדערפטיקע. איבערהויפט אָבער האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט העלפן די יעניקע וועלכע לערנען תורה.

דער דאָזיקער מאַן האָט געהאַט באַ זיך אין שטוב דריי אוצרות: איין אוצר איז באַשטאַנען פון גאָלדענע מטבעות, דער צווייטער פון זילבערנע און דער דריטער פון קופּערנע. ער האָט גענומען פון די אוצרות וויפל נאָר ער האָט אַליין געוואָלט און געגעבן יעדן איינעם לויט זיין ווערט און פאַרדינסט. פאַר די וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען תורה פלעגט ער שענקען גאָלדענע מטבעות, פאַר די יתומים און אלמנות האָט ער געגעבן זילבערנע מטבעות און פאַר די אָרמעלייט וואָס האָבן זיך ניט אָפּגעגעבן מיט לערנען און וואָס האָבן בכלל גאָרניט געוואָלט טאָן, פלעגט ער שענקען קופּערנע מטבעות.

דער רייכער מאַן אָבער האָט געהאַט אַ פרוי, איז זי געווען אין גאַנצן דער היפּוך פון איר מאַן: זי איז געווען קאַרג און ניט פאַרגינעריש און דערצו נאָך האָט זי ניט איינמאָל געשטערט דעם מאַן אין זיין פאַרטיילן די אוצרות.

מאַכט זיך איינמאָל אַ געשיכטע און דער רייכער מאַן האָט געמוזט אָפּפאָרן פון דער היים. פאַרן אָפּפאָרן האָט ער אָנגעזאָגט דעם ווייב זי זאָל זיך אויפירן לגבי די אָרעמעלייט אַזוי ווי ער.

אויפן צווייטן טאָג נאָך זיין אָפּפאָרן פון דער היים זיינען געקומען געלערנטע לייט, יתומים, אלמנות און גלאַט אַזוי אָרעמע-לייט. דעם גביר׳ס פרוי האָט אָבער, ווייזט אויס, פאַרגעסן אין דעם מאַנ׳ס אָנזאָג. זי האָט זיי ניט אויפגענומען מיט דער זעלבער איידלקייט ווי איר מאַן איז דאָס געווען געוואוינט צו טאָן. זי האָט זיי אַפּילו ניט איינגעלאַדן צו זיך אין שטוב און האָט ניט געגעבן יעדן איינעם לויט זיין אמתן ווערט און לויט זיינע פאַרדינסטן. זי האָט זיי אַלעמען געלאָזט שטיין אַ לאַנגע צייט אין דרויסן, אונטערן רעגן און איז אַפּילו ניט אַרויס מקבל-פנים זיין די אָנגעקומענע געסט, אַזוי ווי דאָס פלעגט טאָן איר מאַן אײדער ער פלעגט צעטיילן די נדבות.

אַ גאַנצן טאָג זיינען די אָרעמע מענטשן געשטאַנען אונטערן רעגן און געוואַרט. אין אָוונט, ניט קענענדיק מער דערוואַרטן זיך אויף גאָרניט, האָבן זיי פאַרלאָזט דעם הויף און זיינען אַוועק צו זיך אַהיים.

אויפן צווייטן טאָג איז די פרוי אַראָפּ אין קעלער, וואו די אוצרות האָבן זיך געפונען. ווי גרויס איז געווען איר דערשטוינונג ווען אָנשטאָט אוצרות מיט גאָלד און זילבער האָט זי געפונען שטיקלעך בלאָטע מיט שטיינדלעך. זי האָט זיך זייער פאַרשעמט און ווען זי איז אַרויס פון קעלער האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע פון איר גרויסער און רייכער שטוב און האָט אָנגעהויבן ביטער וויינען. אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך אומגעקערט איר מאַן. ער האָט זיך זייער שטאַרק פאַרוואונדערט ווען ער האָט ניט געטראָפן קיין איינציקן אָרעמאַן אַזוי ווי דער שטייגער איז. נאָך מער האָט ער זיך פאַרוואונדערט ווען ער האָט דערזען ווי זיין פרוי זיצט אין אַ ווינקעלע פון שטוב און וויינט. ווען ער האָט זי געפרעגט פאַר וואָס זי וויינט, האָט זי דערציילט אַז די אַלע אוצרות פון גאָלד און זילבער האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין

שערבלעך און שטיינדלעך. דעמאָלט האָט דער אײדעלער מאַן פאַרשטאַנען אז דאָס האָט זי נאָט באַשטראָפט פאַר איר קאַרנשאַפט און שלעכט האַרץ און דעריבער האָט זי אַנשטאָט גאָלד און זילבער געזען ניט מער ווי בלאָטע און שטיינדלעך. ער האָט געשיקט רופן די אַלע פאַרשעמטע אָרעמעלייט וואָס האָבן א טאָג צייט געמוזט וואַרטן אונטערן רעגן און ווינט. ער האָט זיי אײנגעלאַדן צו זיך אין שטוב, אַזוי ווי ער איז געווען געוואוינט צו טאָן פון שטענדיק אָן און האָט זיי אויפגענומען מיט אײדעלע רייד און מיט נענוג העפלעכקייט אויף ניט צו פאַרשעמען זייער אָרעמקייט.

ווען ער האָט זיך דערנאָך אַראָפגעלאָזט אין קעלער האָט ער, צו זיין גרויס שטוינונג, געפונען יעדן אוצר אויף זיין פלאַץ. ער האָט פון יעדן אײנעם גענומען וויפל ער האָט געדאַרפט און האָט עס צעטיילט צווישן די נויטבאַדערפטיקע, יעדן אײנעם לויט זיין ווערט און פאַרדינסט און די אוצרות האָבן זיך פון דעמאָלט אָן מער ניט געמינערט אויף קיין אײן פרוטה.

—:::—

די געשיכטע פון אַ וואַלד

אין אײנער פון די מערב-פּראָווינצן פון גרויסן רוסלאַנד האָט מיט אַ סך יאָרן צוריק געלעבט אַ רײַכער פּריץ.

ער האָט פאַרמאָגט אַ סך פעלד'ער און געבײַדעס, ער האָט געהאַט אַ סך פערד, גאַנצע סטאַדעס קי האָבן זיך געפּאַשעט בײַ אים אויף די לאָנקעס. חוץ דעם האָט ער געהאַט אונטער זיך עטלעכע דערפער מיט פּויערים קנעכט וועלכע האָבן געטאָן אַלע נויטיקע אַרבעטן. ער האָט זיך גערעכנט אַלס אײנער פון די רײַכסטע מענטשן אין יענער געגנט. אין יענע צײַטן האָבן די גרויסע גוטסבאַזיצער גע-האַט אַ שטאַרקע מאַכט איבערן פאָלק. יעדער גרויסער גוטסבאַזיצער האָט געהאַט הונדערטער און טויזנטער קנעכט וועלכע האָבן געמוזט דורכפירן אַלע שווערע אַרבעטן און פאַרלאַנגען פון זײער בעל-הבית. זײַנע פעלדער זײַנען גע-ווען זײער גוט באַאַרבעט. ער אַלײן האָט אַ לאַנגע צײַט פאַרבראַכט אין אויסלאַנד און האָט פון דאָרטן געבראַנגט נײַע מעטאָדן אויף צו קענען גוט בעל-הבית'עווען. ער האָט באַפוילן צעטײלן זײַן פעלד אויף גלײַכע טײלן און אויף יעדן חלק באַזונדער האָט ער אָנגעזאָגט צו פאַרזײען אַ באַזונדער מין תבואה. ווען אויף אײן שטיק פעלד פלעגט מען פאַרזײען קאָרן, פלעגט אויפן צווײטן טײל וואַקסן פרילינגס - תבואה: האָבער, גערשטן, גריקע אָדער פלאַקס. אין דער זעלבער צײַט וואָס אײן שטיק פעלד פלעגט בלײַבן פאַרזײט, פלעגט דאָס צווײטע שטיק רוען אַ גאַנצן זומער. אין יענע צײַטן איז נאָך קאַרטאָפל געווען פאַרעכנט פאַר א זעלטענעם געוויקס.

די פויערים האָבן בכלל מורא געהאַט צו באַנוצן אַט דעם אומבאַקאַנטן געוויקס, וועלכן זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן „טייוולשער עפּל". נאָר די גרויסע פעלד-איינגטימער האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פלאַנצן דאָס מאָדנע געוויקס, פריער באַ זיך אין די גערטנער און שפּעטער אויף די פעלדער. דער רייכער פּריץ, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט פאַרבראַכט אין פרעמדע לענדער, וואו ער האָט זיך גענוג אָנגעזען מיטן נייעם מאכל, האָט באַפוילן פאַרזעצן באַ זיך אויפן פעלד, אַ גרוים שטיק מיט קאַרטאָפל.

מען האָט אויסגעקליבן אַ שטיק זאַמדיקן באָדן, וואָס האָט פון איין זייט געגרענעצט מיטן וואַלד און פון דער צווייטער זייט האָט עס דערגרייכט ביז אַ ברייטן שליאַך, וועלכער איז געווען אַרומגעזעצט מיט הויכע טאָפּאָל -ביימער. דער וואַלד, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס שטיק פעלד פון דריי זייטן, איז געווען אַ בלעטערדיקער און האָט פאַרמאָגט אַ סך פאַרשיידענע סאָרטן ביימער: דעמבעס, בעריאָזעס, אָלכעס, אַ חוץ אַ גרויסע צאָל קליינע קוסטעס מיט מאַלינעס און יאַגעדעס.

אינעווייניק האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פאַרשיידענע חיות: פוקסן, וועווערקעס און האָזן. אויף די ביימער האָבן געמאַכט נעסטן פאַרשיידענע סאָרטן פייגל, און צווישן זיי האָבן זיך אָמערסטן אויסגעצייכנט מיט זייער ליאַרעם און געפילדער די שוואַרצע וואָראַנעס. ווינטער-צייט פלעגן פון די ווייטע וועלדער אָנקומען קאָמפּאַניעס וועלף, וועלכע פלעגן נישטערן איבער די וועגן, לאַנג אַרומבלאָנדזשען אַרום די הויפן, פאַרצוקן קי, פערד און חזירים, ביז וואַנען זיי פלעגן פאַרטריבן ווערן דורך די הינט און יעגער. דער איינגטימער פון הויף האָט ליב געהאַט זיין וואַלד און פלעגט פון צייט צו צייט איינאָרדענען דאָרטן יאַגד - פאַרווײלונגען. דעמאָלט פלעגן זיך צונויפאָרן אַ סך שכנים מיט זייערע קנעכטן און

דינסטן, מיט זייערע פערד און הינט און פלעגן נאַנצענע טעג אַרומיאָגן זיך איבערן וואַלד, שיסן האָזן, פוקסן און וועווערקעס. זומער-צייט פלעגט מען גיין אין וואַלד נאָך יאַגעדעס. מיט דער פאַרווייַלונג פלעגן זיך אַמערסטן אָפּגעבן די פרויען. זיי פלעגן געוויינטלעך מיטנעמען די קינדער מיט די דינסטן און פאַרקלייבן זיך מיט זיי אויף גאַנצענע טעג אין וואַלד אַריין. דעמאָלט פלעגט דער וואַלד אָנגעפילט ווערן מיט קינדערשע און מיידלשע געשרייען און געזאַנגען. נייענדיק אין וואַלד האָבן זיי געמוזט דורכגיין דאָס גרויסע שטיק פעלד וואָס האָט דערגרייכט ביזן וועג. אַלע זיינען געווען אַזוי צוגעוואוינט צום וואַלד און צום וועג, דאָס זיי האָבן געמיינט אַז אַזוי איז עס געווען פון שטענדיק און אַזוי וועט עס בלייבן אייביק.

אין איינעם אַ שיינעם פרילינגס - פרימאָרגן האָט מען געבראַכט אַהין אַ פולע פור מיט זעק, אָנגעלאָדענע מיט דער אויסטערלישער פרוכט. האָט מען איניקע איבערגעלאָזט באַם וועג און די איבעריקע האָט מען איבערגעלאָזט באַם ראַנד פונעם וואַלד. פויערים-קנעכט האָבן איינגעשפּאַנט זייערע קליינע, מאָגערע פערדלעך און האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט. זיי האָבן דורכגעפירט לאַנגע, שמאָלע פאַסן אין דעם פייכטן, פרישן באָדן. הינטער זיי זיינען געגאַנגען פויערטעס מיט קוישן אין די הענט און געוואָרפן איינצלנע פרוכט. שוואַרצע און גרויע וואָראָנעס זיינען נאָכגעפלויגן און געשאַרט מיט זייערע לאַפּקעס, געזוכט ווערים און פליגן.

פאַרנאַכט, ווען די אַרבעט האָט שוין געהאַלטן באַם סוף, איז געקומען דער איינגנטימער פון פעלד מיט עטלעכע שכנים פאַר וועלכע ער האָט זיך געוואָלט באַרימען מיט זיין נחלה. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אונטער א ברייטן דעמב און האָט זיך צוגעקוקט ווי שנעל עס גייט צו די ארבעט.

איבערן וועג זײַנען געגאַנגען פּויערים פֿון נאָנטע און ווײַטע
דערפֿער, האָבן זײ זיך אָפּגעשטעלט באַם פֿעלד און האָבן
באַוואונדערט די משונה־דיקע זוימען וועלכע מען האָט גע-
וואָרפֿן אין דער צעאַקערטער ערד. די דורכגייער פֿלעגן זיך
אָפּשטעלן און זאָגן: „נאָט-העלף". זיי פֿלעגן שטיין א ווײַלע
און דערנאָך פֿרעגן גלאַט אין דער וועלט אַרײַן „וואָס פֿאַראַ
טײַוולעשע פּרוכט זעצט איר עס אין נאַטם ערד?" די פּויערים
אַרבעטער פֿלעגן ענטפֿערן: „אַ דאַנק" און פֿלעגן צוגעבן:
טאַקע ניט אַנדערש ווי דעם טײַוולס פּרוכט איז דאָס! מיר
ווייסן ניט. דער פּריץ האָט באַפֿוילן צו זעצן זעצן מיר". די
דורכגייער פֿלעגן ווײַטער גיין אין זייער וועג אַרײַן און פֿלעגן
אומעטום צעטראָגן די נײַעם וועגן נײַעם סאָרט געוויקס.

דערווײַל האָט געמיטן דער פֿרילינג. דער קאַרטאָפֿל-
פֿעלד האָט זיך צעבליט מיט ראָזעווע בליעכץ. נאָכן איבער-
בליען האָבן זיך באַוויזן קליינע, גרינע קײַקלעך. די דורכגיי-
ער וואָס זײַנען געגאַנגען איבערן גרויסן שליאַך, פֿלעגן זיך
צײַטנווײַז אָפּשטעלן, אַרויסרײַסן מיטן וואָרצל די מאָדנע
געוויקסן און פֿלעגן ניט ווײסן וועלכע זײַנען די אמתע פּרוכט
—צי די אויבערשטע גרינע קײַקלעך, אָדער די אונטערשטע
נעלע. באַם נוטסבאַזיצער אין הויף האָט מען שוין גראָדע יאָ
געוואוסט וועלכע פֿון די ביידע זײַנען די אמתע פּרוכט: מען
פֿלעגט פֿון צײַט צו צײַט צוגרייטן פֿאַרשיידענע מאכלים פֿון
די יונגע קאַרטאָפֿל און די געסט פֿלעגן סמאַקעווען דעם
געשמאַקן מאכל און באַוואונדערן דאָס נײַע געוויקס. דער
פּריץ האָט זיך פֿאַר יעדן איינעם פֿון זײַנע געסט באַרימט מיט
זײַן פֿעלד. ער האָט גערעכנט אויפֿן צווייטן יאָר פֿאַרנעמען
נאָך מער פּלאַץ מיט דעם נײַעם געוויקס.

דערווײַל האָבן זיך די צײַטן געביטן: עס האָט זיך אָנגע-
הויבן אַ גרויסע מלחמה. דער פֿראַנצויזישער קיסר נאַפּאָ-
לעאָן, וועלכער האָט זיך גערעכנט פֿאַר דעם שטאַרקסטן

פון אלע קעניגן און מלוכות, האט באזיגט א גרויסע צאל לענדער און האט זיך צום סוף א לאז געטאן מיט אן אומגעהויער גרויסע ארמיי צו באזיגן רוסלאנד. ער איז מיט זיין ארמיי אריבער דעם טייך ניעמאן און האט זיך א לאז געטאן איבער אלע גרויסע און קליינע וועגן פון גרויסן לאנד.

די רוסישע חילות האבן אפגעטראטן. די איינוואוינער האבן איבערגעלאזט זייערע איינגעזעסענע היימען און האבן זיך געלאזט טיפער אין לאנד אריין. די ארעמערע, וועלכע האבן ניט געהאט מיט וואס צו אנטלויפן, פלעגן אוועקגיין אין די וועלדער אריין און פלעגן זיך דארטן אויסבאהאלטן פון די ניט-געבעטענע געסט. די פראנצויזן פלעגן פארנעמען די וויסטע געגנטן און פלעגן דארטן אנהויבן בעל-הבית׳עווען אויף זייער איינענעם שטייגער. זיי פלעגן צונעמען די פערד און די קי, פלעגן פאנאנדערנעמען די געביידעם אויף האלץ און פלעגן אויסהאקן דיביימער אויף צו פאריכטן די וועגן.

דער איינטימער פון הויף האט ביז דעם לעצטן מאמענט ניט געגלויבט אז דער שונא וועט צוקומען ביז זיין הים. ווען ער האט זיך ארומגעזען און געוואלט פארקויפן זיין פארמעגן, איז שוין געווען צו שפעט: אנשטאט סוחרים זיינען שוין געקומען רויבער. איבער דעם ברייטן שליאך האבן זיך געצויגן מחנות הימלאזע, אפטיילונגען סאלדאטן און רייטער. אלע האבן זיך געאיילט, געיאגט און געוואלט וואס גיכער אנטלויפן פון דעם אנקומענדיקן שונא. א מחנה סאלדאטן האט אפגעטראטן פון גרויסן שליאך האט זיך אפגעשטעלט אויפן פעלד מיט קארטאפל, האט צעליינט גרויסע פייערן און גענומען זיך צוגרייטן מיטיק. זיי האבן געשאכטן עטלעכע קי וואס האבן זיך געפאשעט אף דער לאנקע, האבן אנגעגראבן קארטאפל און צוגעגרייט מיטיק. א גאנצע

טאָג זיי געבעל-הבית׳עוועט איבערן פעלד. שפּעט אין אָוונט האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און אַוועק.

אין דער זעלבער נאַכט האָט דער פריץ געהייסן שפּאַנען די איבערגעבליבענע פערד, האָט מיטגענומען וואָס עס איז נאָך געבליבן און איז אַוועקגעפאָרן. אין אַ ווײַלע אַרום נאָך זײַן אָפּפאָרן, האָבן זיך אויפגעהויבן זײַלן רויך, פונקען האָבן זיך צעטראָגן איבער דעם קאַרטאָפל-פעלד און בינטלעך אָנגעצונדענער שטרוי האָבן זיך געטראָגן איבערן וואַלד. דאָס איז אַוועק מיטן רויך די אַרבעט פון צענדליקער און הונדערטער מענטשן. די איבערגעבליבענע פּויערים-קנעכט האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די געדיכטענישן פונעם וואַלד.

אַ צײַט נאָך דעם ווי די פראַנצויזן האָבן פאַרנומען די געגנט, זײַנען די פּויערים-קנעכט פאַרבליבן אין די וועלדער. זיי האָבן זיך דאָרט געשפּײַזט מיט יאַגדעס, שוואָמען, מיט די רעשטלעך ברויט וואָס איז געבליבן אויף די פעלדער און געוואַרט אויף בעסערע צײַטן.

ניט לאַנג האָבן זיי באַדאַרפט וואַרטן אויף בעסערע צײַטן: ווינטער-צײַט, ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די שטאַרקע פרעסט, האָבן די פראַנצויזן אָנגעהויבן לויפן צוריק. הונגעריקע, האַלב-נאַקעטע און פאַרפראָרענע זײַנען זיי געלאָפן אַבער די זעלבע פאַרוויסטע וועגן, איבער וועלכע זיי זײַנען מיט אַ פּאָר חדשים פריער געגאַנגען פאָרוים אַלס זיגער. זיי זײַנען געפאַלן אין די טויזנטער פון הונגער און קעלט. די אָנפירער זייערע זײַנען באַצײַטנס אַנטלאָפן צוריק אין מערב-אייראָפּע און ס׳האָט געדויערט אַ צײַט ביז וואַנען זיי האָבן זיך אַביסל דערוואַרעמט און געקומען צו זיך.

דערווײַל האָבן די רוסן צוריק פאַרנומען די פריער-פאַרלאָזענע ערטער און דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אומקערן צום פריערדיקן שטייגער. די פּויערים האָבן ביסלעכווײַז אָנ-

נעהויבן אַרויסקריכן פון די וועלדער און האָבן זיך פלייסיק
גענומען צו דער אַרבעט: זיי האָבן געבויט הייזער, געגראָבן
די ערד און פאַריכט די וועגן. דער רייכער איינגטימער פון
געוועזענעם פעלד מיט קאַרטאָפל האָט זיך דערוויילע ניט
געאיילט אומצוקערן זיך אהיים. ערשט ווען די מלחמה האָט
זיך אין גאַנצן געענדיקט האָט ער זיך אומגעקערט צום אַל-
טן הויף. ער האָט אָבער זייער ווייניק געפונען פון דעם וואָס
ער האָט פריער פאַרלאָזן: די געביידעס זיינען געווען פאַר-
ברענט, די קי און די פערד פאַרטריבן און די פעלדער פאַר-
לאָזן. ער האָט זיך זייער פאַרוואונדערט ווען ער איז צוגע-
גאַנגען צום פעלד וואו ער האָט פריער פאַרזעצט מיט קאַר-
טאָפל. אויפן אָרט פון קאַרטאָפל-פעלד האָט גערוישט אַ
יונג וועלדל מיט יונגע, פייכטע בלעטער אין דער שיין פון
דער זון און מיט אַ שיטערן שאָטן אונטן. דאָס האָט די נאַ-
טור אַליין זיך אָפגעגעבן מיט פאַרפלאַנצן דעם יונגן וואַלד,
די זעלבע נאַטור וועלכע זייט אומעטום לעבן. דאָס שטיקל
פעלד מיט קאַרטאָפל איז געווען גוט אויסגעארבעט. די רו-
סישע און פראַנצויזישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן דאָרט גע-
קאָכט זייערע מיטיקן, האָבן עס נאָך מער צוגעגרייט אויף צו
קענען אויפנעמען די נייע זוימען פון לעבן. דער אַלטער
וואַלד האָט געגעבן זייער אַ גרויסע צאָל זוימען פון אלערליי
בוימער וועלכע זיינען דאָרט געוואקסן. די פיינל האָבן עס
צעטראָגן און ניט ווילנדיק צעזייט איבער דעם ווייכן פעלד.
דאָס איבעריקע האָבן צוגעהאָלפן די זון און דער רעגן.

צו דעם אַלעמען דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז דער
מענטש האָט ניט געשטערט און דאָס איז שוין געווען גענוג,
אַז אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך נאַפּאָלעאָנס מלחמות זאָל
אויף דעם געוועזענעם קאַרטאָפל-פעלד אויסוואַקסן אַ יונג
וועלדל. ווען דער איינגטימער פון גוט האָט זיך אומגע-
קערט אַהיים און האָט דערזען דאָס יונגע וועלדל, האָט ער

דאָס געלאָזן צורו. ביסלעכווייז האָט זיך דער פון זיך אַליין-פּאַרזייטער וואַלד צעוואַקסן און האָט מיט דער צייט באַקו-מען דעם זעלבן אויסזען ווי דער אַלטער וואַלד. חוץ די ביי-מער האָבן אין וואַלד געוואַקסן פאַרשיידענע קוסטעס און יאַגעדעס. שפּעט אין זומער אָדער אין האַרבסט פלעגן זיך באַווייזן פאַרשיידענע סאָרטן שוואָמען און יאַגעדעס. אין די טרוקענע בלעטער פלעגן גאַנצענע טעג דרימלען האָזן, וועלכע האָבן זייער ליב געהאַט דעם יונגן וואַלד, ווייל ער האָט זיך געפונען נאָנט פון די גערטנערמיט קרויט וואוהין זיי פלעגן לויפן אין די קאַלטע באַגינענס צו כאַפּן עפּעס אַ נאַש. די כיטרע פוקסן האָבן אויך ניט פיינט געהאַט דעם יונגן וואַלד. זיי האָבן געמאַכט לאַנגע, פאַרדרייטע נאָרעס וועלכע האָבן געהאַט צו עטלעכע אַריינגענג און אַרויסגענג, כדי אַזוי אַרום צו קענען לייכטער אָפּנאַרן די יעגער מיט זיי-ערע הינט וואָס פלעגן זיי פאַרפאָלגן. פלינקע וועווערקעס האָבן אַרומגעשפּרונגען איבער דיביימער, האָבן געזאַמלט נים אויף ווינטער. פייגל האָבן געמאַכט נעסטן און געהאָדע-וועט זייערע יונגע עופהלעך. דער וואַלד איז שטענדיק פול געווען מיט לעבן און באַוועגונג.

לעבן וואַלד, אַזוי ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, האָט זיך אַלץ געצויגן דער גרויסער טראַקט, וועלכער איז פון ביידע זייטן געווען באַוואַקסן מיט גרויסע טאָפּאָל-ביימער. אַלטע פויערים וואָס זיינען געגאַנגען איבערן וועג, פלעגן זיך אָפּ-אָפּשטעלן, באַוואונדערן דעם וואַלד און דערמאַנען זיך, אַז מיט יאָרן צוריק איז דאָ געווען א קאַרטאָפל-פעלד. יעצט אָבער האָט שוין קאַרטאָפל מער ניט אויסגעזען אין די אויגן פון פאָלק ווי א טייוולעשע פרוכט; אַלע האָבן ניבער באַ-טראַכט קאַרטאָפל אַלס אמתע ברכה פון גאָט וואָס ער האָט צוגעשיקט פאַר די אָרעמע מענטשן.

דאָס לעבן איז זיך דערווייל ווייטער געגאַנגען זיין איי-

ביקן נאַנג. פאַר דער צייט זיינען פאַרגעקומען גרויסע שנוים. די פויערים זיינען באַפרייט געוואָרן און יעדער איינער פון זיי האָט באַקומען אַ שטיק פעלד אַלס נחלה. דער אַלטער פריץ איז געשטאָרבן און דער זון זיינער איז אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד און איז אַזוי לאַנג אַרומגעפאָרן ביז וואַנען ער האָט פאַרלאָרן דעם גאַנצן גוט זיינעם. נאָר דאָס שטיקל וואַלד איז געבליבן. דאָס איבעריקע פון דער ירושה וואָס זיין פאָטער האָט געלאָזן איז שוין פון לאַנג פאַרקויפט געוואָרן אויף צו דעקן די חובות. און אַזוי ווי ער האָט אַלץ געדאַרפט געלט, האָט ער געשיקט רופן סוחרים און האָט זיי פאַרגעליינט אָפּקויפן דעם וואַלד.

די סוחרים זיינען אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען איבערן וואַלד, האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן יעדן בוים, האָבן גע-חשבונ׳ט, געדונגען זיך און צום סוף באַשטימט אַ פּרייז און אָפּגעקויפט דעם גאַנצן וואַלד.

עטלעכע וואָכן נאָך דעם זיינען געקומען אַרבעטער מיט זעגן און העק און עס איז אַוועק אַן אַרבעט. מען האָט אָנגעהויבן שניידן און האַקן די ביימער און אַרויספירן זיי צו דער נאָנטער באַן-סטאַציע. די איבערגעבליבענע טרוקענע צווייגן האָט מען פאַרקויפט די פויערים אויף האָלץ און נאָר די דינע צווייגעלעך מיט די בלעטער האָט מען צונויפגעשאַרט און פאַרברענט.

אויפן צווייטן פרילינג האָט אויפן אָרט פונעם וואַלד זיך געצויגן אַ שוואַרץ שטיק פעלד מיט איינצלנע פאַרסמאַליעטע וואָרצלען. דאָס שטיק פעלד האָט אָפּגעקויפט אַ רייכער פויער. ער האָט אויסגעגראָבן די גראָבע וואָרצלען, האָט פאַרשאָטן די גריבער, פאַרגלייכט דעם באָדן און האָט אויפן צווייטן פרילינג פאַרזייט זיין שטיקל פעלד. צום ערשטן מאָל האָט ער פאַרזייט מיט אַזעלכע תבואות וואָס פאָדערן א לייכטן באָדן, און אין אַ פּאָר יאָר אַרום, ווען דאָס

שטיקל פעלד איז שוין געווען גוט אויסגעארבעט, האָט ער דאָס פאַרזעצט מיט קאַרטאָפל.

דאָס מאָל, ווען דער פויער מיט זיין פרוי און קינדער זיינען אַרויס זעצן די קאַרטאָפל, איז דאָס שוין פאַר קיינעם קיין וואונדער ניט געווען. קיינער פון די דורכגייער אויפן גרויסן שליאַך האָט זיך ניט אָפגעשטעלט און ניט באַוואונדערט די משונה׳דיקע פרוכט וואָס די פויערים האָבן גע־וואָרפן אינעם פייכטן באָדן. דאָס גאַנצע פאָלק האָט שוין פון לאַנג אָן געוואוסט און געשעצט דעם געשמאַקן מאכל.

יענער זומער, ווען דעם פויערס קאַרטאָפל האָבן אָפגע־בליט, איז געווען זייער אַ טרוקענער און וואַרעמער. דערי־בער האָט ער גערעכנט אַראָפצונעמען זייער א גוטן שניט. אָבער זיינע האָפענונגען זיינען ניט מקוים געוואָרן. אין יענעם זומער, ווען דער פויער מיט זיין פאַמיליע האָבן זיך געפרייט מיט די אויסזיכטן פון דער גערעטעניש, האַבן מענטשן ווידער פאַרפירט אַ בלוטיקע שפיל צווישן זיך. איבער דעם ברייטן וועג וואָס באַם קאַרטאָפל־פעלד האָבן זיך ווידער געשלעפט גרויסע מחנות היימלאָזע; אָפטיילונגען רייטער זיינען שנעל דורכגעפאָרן און רייען סאָלדאַטן אָן אַן עק און אָן אַ סוף האָבן דורכגעמאַרשירט קיין צפון.

דער נייער בעל־הבית פונעם קאַרטאָפל־פעלד האָט ביז דער לעצטער מינוט גערעכנט אַז די בייזע מלחמה וועט אויסמיידן זיין היים און וועט ניט אָנרירן זיין קאַרטאָפל־פעלד. ווען דער פראָנט האָט זיך שוין געהאַט צוגערוקט גאָר נאָנט, איז דער פויער מיט זיין פרוי און קינדער פונדעסטוועגן אַרויס אין פעלד אַריין גראָבן קאַרטאָפל. גאַנצענע טעג זיי־נען זיי געווען פאַרנומען מיט אַרויסנעמען די גערעטעניש וועלכע זיי פלעגן אָנשיטן אין קליינע בערגלעך. פאַרנאַכט פלעגט דער פויער קומען צופאָרן מיט זיין פערד און וואָגן

און פלעגט עם אָפּפירן אין אַ ספּעציעל - צוגעגרייטן גרוב.
דערווײַלע האָבן זיך די ווײַטע האַרמאַטן-שאָסן מיט
יעדן טאָג אַלץ מער און מער דערנענטערט צו זיין היים און
די אָפּשײַנען פון די שׂרפֿות האָבן אַלץ מער און מער פאַר-
כאַפּט דעם האָריזאָנט.

איין מאָל פאַרנאַכט האָט זיך אויף דעם קאַרטאָפל-
פעלד אָפּגעשטעלט א גרופּע סאָפּיאָרן און אָנגעהויבן גראָ-
בן גריבער. ווען דער פויער האָט דערזען אַז די מלחמה
שטייט שוין בײַ זיין הויף, האָט ער אין איילעניש איינגעפּאַ-
קעוועט וואָס ער האָט נאָר געקענט מיטנעמען פון זיין פאַר-
מעגן, האָט אַרויפגעזעצט זיין פרוי און קינדער אויפן וואָגן
און איז אַוועקגעפאָרן צוזאַמען מיט נאָך אַזעלכע צענדלי-
קער טויזנטער ווי ער.

אין דער זעלבער נאַכט וואָס ער איז אָפּגעפאָרן איז זיין
גאַנצע בעל-הבית׳ישקייט, די שטוב, די שטאַלן, די שייערן
און די סקירדעס תבואה אין דרויסן, אַוועק מיטן רויך. אויף
מאָרגן איז אָנגעקומען אַן אָפּטײלונג דײַטשישע סאָלדאַטן
און האָט זיך צעליגט אויפן קאַרטאָפל-פעלד. זיי האָבן אָבער
קיין צייט ניט געהאַט צו בלייבן. באַנאַכט האָט מען זיי אָנ-
געזאָגט זיי זאָלן וואָס שנעלער גיין ווייטער. אויף אַזאַ אופן
איז דאָס קאַרטאָפל-פעלד געבליבן גאַנץ און אומבאַרירט.
דערווײַלע איז דער פראָנט אַוועק ווייט, ווייט אויף צפון זייט
און די דײַטשן זיינען א לאַנגע צייט געבליבן אלס די איינצי-
קע בעלי-בתים אין די פאַרנומענע לענדער. זיי האָבן גע-
טריבן די מענטשן צו דער אַרבעט, געהאַקט די וועלדער
און אַרויסגעפירט דאָס האָלץ און האָבן גע׳בעל-הבית׳עוועט
אויף זייער שטייגער. אינעם שטיקל פעלד אָבער בײַ דעם
גרויסן שליאַך האָבן זיי אין גאַנצן פאַרגעסן. זיי האָבן זיך ניט
גענוציקט אין דעם. דערווײַל איז געקומען די צייט, ווען די

דייטשן. וועלכע זיינען אַזוי שנעל געגאַנגען פאָרויס, האָבן
אָנגעהויבן נאָך שנעלער לויפן אויף צוריק און דעמאָלט האָ-
בן זיי שוין אַוודאי קיין צייט נישט געהאַט אַרומצוקוקן זיך
אויף אַ שטיקל פעלד באַם גרויסן וועג. דערווייל האָבן די
איינוואוינער פון די פאַרלאָזענע געגנטן אָנגעהויבן ביסלעכ-
ווייז צוריק אומקערן זיך אויף די פריערדיקע ערטער. עטלע-
כע יאָר נאָכן פאַרלאָזן זיין היים און נאָכן וואַלגערן זיך אין
דער פרעמד, האָט זיך אומגעקערט דער איינגנטימער פונעם
שטיקל פעלד באַם גרויסן וועג. ער האָט אָבער לחלוטין ניט
דערקענט זיין אייגענע נחלה. דאָס גאַנצע פעלד איז געווען
פאַרוואַקסן מיט אַ יונגן וואַלד. אין די עטלעכע יאָר וואָס דער
מענטש האָט ניט בעל-הבית׳עוועט, האָט די נאַטור ניט
אויפגעהערט פאָרצוזעצן איר שטענדיקע אַרבעט. דער
ווינט האָט צעטראָגן די זריעה פון די ביימער, די חיות און
פייגל האָבן אים צוגעהאָלפן; דער רעגן האָט געמאַכט ווייך
דעם באָדן, די זון, ווי א ליבע מאַמע, האָט צעוואַרעמט די
צעוואָקסענע קערנדלעך און אויף אַזאַ אופן איז זיך ביסלעכ-
ווייז אויסגעוואקסן אַ יונג וועלדעלע. די נאַטור האָט ניט
אויפגעהערט צו זיין טעטיק פונקט ווי אין די צייטן פון נאַ-
פאָלעאָנס מלחמות. דער פויער, דער איינגנטימער פונעם
יונגן וואַלד, האָט זיך געפילט צו שוואַך אויף צו קעמפן מיט
דער נאַטור; חוץ דעם האָט ער געהאָפט צו דערלעבן ווען-
עס-איז נחת פון זיין וואַלד. ער האָט זיך ווידער אויסגעבויט
אַ שטוב באַ דער זייט פונעם גרויסן וועג און האָט אָנגעהויבן
טאָן דאָס וואָס אַלע מענטשן טוען,־סיי אין גוטע און סיי אין
שלעכטע צייטן. ער האָט אָנגעהויבן וואַרטן אויף בעסערע
צייטן. דערווײַלע האָט זיך דער וואַלד צעוואקסן אין דער
לענג, אין דער ברייט און אין דער הויך. אַלערליי וואַלד-ברואים
האָבן זיך באַזעצט אין אים און געלעבט יעדער איינער זיין
אייגן לעבן. דאָס-מאָל, אַזוי ווי אין די צייטן פון נאַפּאָלעאָנען,

וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן צו דערגראָבען די גאַנצע וועלט, האָט די נאַטור אַזוי ווי שטענדיק, געזייט אירע זוימען פונעם לעבן און האָט זיך ווייניק וואָס גערעכנט מיט דער אָפּטמאָל צעשטערערישער טעטיקייט פונעם מענטשן.

דעצעמבער, 1922.

——:::——

אַ רייזע אין וואַלד

ארום האַלבע נאַכט האָט מיך דער אַלטער פורמאַן אויפגעוועקט מיט די ווערטער: „גענוג שוין צו שלאָפן קום, מיר וועלן פאָרן; די פערד זיינען שוין איינגעשפּאַנט. ס'איז שוין שפּעט; די הענער קרייען שוין!"

און אין דער אמת'ן, האָב איך טאַקע דערהערט אַ קריי פון אַ האָן. איך האָב זיך אויף גיך אָנגעטאָן און אַרויס צו די פורן. די נאַכט איז געווען אַ קילע. טיף-האַרבסטיקע און אַן אויסגעשטערנטע. מיר זיינען אַוועקגעפאָרן אין דער שטערנדיקער טונקלקייט אַריין און אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט אונזער רייזע. אַ גאַנצע נאַכט זיינען מיר געפאָרן צווישן ביימער, וועלכע האָבן געראַשט שטיל און היימיש און אונז באַגלייט אין אונזער רייזע. די בעלי-עגלות האָבן אַ גאַנצע נאַכט געדרייכערט, פון צייט צו צייט געשריגן אויף זייערע פערד און דערציילט מעשיות. ביידע זייטן פונעם וועג זיינען געווען פאַרשטעלט מיט ניט-דורכדרינגלעכע ווענט פון ביימער. איבערן וועג, אויבן, האָט זיך אַרויסגעזען אַ צווייטער, שטערנדיקער וועג מיטן פּאָלאַר-שטערן באַם האָריזאָנט.

דער ווייטער שטערן האָט זיך געזעגנט און ס'איז אויסגעקומען אַזוי ווי מיר וואָלטן פאָרן איבערן ים און דער ווייטער שטערן זאָל זיין אונזער וועג-ווייזער. איך האָב אָנגעהויבן דרימלען. פון צייט צו צייט פלעג איך עפענען די אויגן און כ'פלעג דערזען דיזעלביקע צוויי ווענט פון האַרבסטיקן וואַלד, דעמזעלביקן שטערנדיקן וועג איבער אונז און די

פייערלעך אויף די פֿאָדערשטע פורן. דאָס האָבן די אַנטריי־בער נעריכערט און זיך דערציילט מעשיות.

„אין דעם וועט שוין זיין א יאָר דרייסיק״ — הער איך ווי אַן אַלטער פויער דערציילט עפּעס דעם צווייטן. — „די נאַכט איז געווען פונקט אַזאַ פינצטערע ווי די היינטיקע. איך בין געפאָרן מיט דעם זעלביקן וועג וואָס היינט. פּלוצלונג איז פון דער פינצטערניש אַרויס עפּעס א מענטש און האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן מיין פור. „גוט־אָוונט!״ — גוט־יאָר״ — ענטפער איך אים. „וואָס ווילסטו, גוטער מענטש, זאָגן עפּעס גוטס? — פרעג איך אים. — „וואָס זאָל איך זאָגן!״ — און דער אַלטער דערציילט ווייטער זיין מעשה וועגן דעם מענטש וואָס ער האָט באַגעגנט מיט דרייסיק יאָר צוריק. האַלב־דרימלענדיק הער איך זיך צו צו דער מעשה. פּלוצלונג טוט אַ שיין אַ פונק פון אַ פּאַפּיראָס. פון דער פינצטערניש קומט אַרויס אַ מענטש מיט אַ פּעקל אויף די פּלייצעס. אויף אַ ווײַלע ווערט אומהיימלעך: ווער ווייסט וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז און וואָס פאַראַ כוונות ער קען האָבן בנוגע אונז! אפשר איז דאָס פונקט אַזאַ ווי יענער פון מיט דרייסיק יאָר צוריק!... דער דורכגייער בלייבט אַ ווײַלע שטיין לעבן אונז, זאָגט אַ גוטן־אָוונט, בעט פאַרייכערן און ווערט פאַר־שוואונדן אין דער שטערנדיקער טונקלקייט פון דער נאַכט. בלויז דאָס קלאַפּן פון זיין שטעקל הערט זיך נאָך אַ ווײַלע און ווערט אויך אַנטשווינגן.

דער אַלטער אַנטרייבער הייבט אָן דערווײַלע ווידער צו דערציילן זיין מעשה וועגן דעם מענטש וואָס ער האָט דאָ געטראָפן מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק. די לאַנגע, האַרבסטיקע נאַכט דערנענטערט זיך דערווײַלע צו איר סוף. די שטערן הייבן אָן ווערן שיטערער. אויף מזרח־זייט באַווייזן זיך רויטע פּאַסן. דאָס איז אַן אָנזאָג פונעם נאָענטן זון־אויפגאַנג. די לופט ווערט פרישער; עס ווערט קיל. מיר נייען אַראָפּ פון די ווע־

גענער און לויפן צוזאַמען מיט די פערד כדי צו אָנוואַרעמען
זיך. די נאַכט מיידט דערוויל אין גאַנצן און ס׳קומט אָן דער
פרימאָרגן. ערגעץ איז שוין אויפגעגאַנגען די זון און אירע
שטראַלן רייסן זיך אַדורך דורך די צווייגן. די אָנטרייבער
נייען אַראָפּ פון די פורן, קלאַפּן מיט די הענט, לויפן און ווערן
פריילעכער. די הויכע סאָסנעס באַם ראַנד פונעם וועג ווערן
אויך פריילעכער: זיי שושקען זיך מיט זייערע שפּיצן; דאָס
באַגריסן זיי די זון. און אָט איז שוין טאַקע די זון אַליין בכבודה
ובעצמה: זי שפּיגלט זיך אָפּ אין דער געלער קאָרע פון די
סאָסנעס און שפּרינגט איבער מיט אירע שטראַלן פון בוים
צו בוים נאָר די יאָדלעס שטייען אומעטיקע, מיט צווייגן
וועלכע דערגרייכן ביז דעם סאַמע באָדן און ס׳דאַכט זיך אַז
פון אונטער די צווייגן וועט זיך באַלד באַווייזן עפּעס א
משונה׳דיק באַשעפעניש. אָבער אנשטאָט דעם וואַלד-רוח
דערהערט זיך דאָס פריילעכע פּיקן פונעם פּיקהאָלץ, וועל-
כער קלעטערט איבער די גלאַטע שטאַמען און זוכט די
ווערעם מיט זיין לאַנגן שנאָבל. וואו-ניט-וואו באַוויזט זיך
אַ פלינקע וועווערקע, וועלכע שפּרינגט פון צווייג צו צווייג
און פאַרשווינדט אין דער געדיכטעניש פונעם וואַלד.

דערווײַלע קומען מיר צו פאָרן אויף אַ ברייטן פעלד.
אַמאָל איז דאָ געווען וואַלד. יעצט האָט מען דעם וואַלד
אויסגעהאַקט, די וואָרצלען פאַרברענט און דעם באָדן פאַר-
אַקערט. מיר שטעלן זיך דאָ אָפּ. מיר טרעפן שוין דאָ אַ
פריערדיקע גרופּע, וועלכע איז געקומען פריער פאַר אונז
און האָט צעליינגט פייער. אַרום פייער שטייען די אָנטרייבער,
רויכערן און שמועסן. אַ צווייטע גרופּע האָט זיך שוין צע-
שפּרייט איבערן וואַלד.

ס׳דערהערט זיך דער פריילעכער הוק-האַק פון די האָלצ-
העקער. מען שניידט, מען האַקט און ווייט, ווייט איבערן
וואַלד צעטראָגן זיך די פריילעכע אויסגעשרייען. אָנגעלאָדע-

נע פורן מיט האָלץ פאָרן אָפּ. אַנדערע קומען אָן אויף זייער פּלאַץ. נאָר די נרויסע פייערן בלייבן. און דער וואַלד לעבט זיך מיט זיין שטענדיקן לעבן. די סאָסנעס רוישן. אַ שטיל ווינטל באַוועגט זייערע שפּיצן. אונטן איז אָבער שטיל, אַזוי שטיל דאָס מען הערט די טריט פון אַ וועווערקע, וועלכע שפּאַצירט אַרום אבער דעם שטאַם פון אַן איינגעפאַלענעם בוים. איך קוק זיך נאָרניט אום ווי ס'מיידט דער שטילער, האַרבסטיקער טאָג. אַט איז שוין באַלד פאַרנאַכט. די שאָטנס ווערן לענגער. די וואָלקנס איבער די שפּיצןביימער ווערן באַפאַרבט מיט רויט, ראָז און וויאָלעט.

די נרופּע פורן מיט וועלכער איך בין געקומען, האָט שוין אָנגעלאָדן די וועגענער מיט האָלץ. די בעלי-ענלות שפּאַנען איין די פערד און לאַנגזאַם לאָזן מיר זיך צוריק מיט דעם זעלביקן וועג, מיט וועלכן מיר זיינען געקומען.

פסח, 1920.

——:——

א שפּאַציר אין וואַלד

א גאַנצן פרימאָרגן האָט גערעגנט. פאַר מיטאָג האָט די
זון דורכגעריסן די זומערדיקע וואָלקנס און האָט זיך
אָפּגעשפּיגלט אין די טויזנטער טראָפּנס וועלכע דער
רעגן האָט איבערגעלאָזט. גלייך נאָך מיטאָג זיינען
מיר ביידע, איך מיט דעם וואַלד-שומר, אַרויס. מיר האָבן
באַדאַרפט דורכגיין אַן ערך צען קילאָמעטער, איבער זומפּן
און לאָנקעס ביז וואַנען מיר וועלן קענען קומען אינעם וואַלד
וואָס מען האָט דעמאָלט געהאַלטן אין האַקן. מיר זיינען צו-
געקומען צום טייך. קיין בריק איז נאָך אין יענע צייטן ניט
געווען. נאָר איבער דעם סאַמע שמאָלסטן אָרט זיינען געווען
אַריבערגעוואָרפן קלעצער וועלכע האָבן געדינט אנשטאט
א בריק. אונטער די צוויי קלעצער, איבער וועלכע מיר זיי-
נען פאָרזיכטיק געגאַנגען, האָט זיך לאַנגזאַם געריזלט דאָס
זומערדיקע טייכל. די וואַסער-געוויקסן אונטן האָבן זיך
אַרויסגעזען אַזוי קלאָר און דייטלעך, כאָטש נעם און כאַפּ זיי
אָן מיט דער האַנט. בײַ די סאַמע ברעגן האָבן געבלייכט
ווייסע בלומען. דער צווייטער ברעג אויף וועלכן מיר זיינען
אַרויף איז געווען א באַרגיקער.

ווען מיר האָבן זיך אויפגעהויבן אויף דעם זאַמדיקן און
באַדעקטן מיט קוסטעס בערגל, האָט די זון שוין געהאַלטן
בײַם אַראָפּלאָזן זיך צו מערב-צו. אַרום און אַרום האָבן זיך
געצויגן לאָנקעס מיט בלומען, מיט פאַראַיאָריקע סקירדעס
היי און זומפּן מיט שטייענדיקע וואַסערן אין מיטן. ווילדע
קאָטשקעס האָבן זיך אויפגעהויבן פון די קוסטעס און אַראָפּ-

געלאָזט אין וואַסער   אַ סטאַיע גענז האָט זיך דורכגעטראָגן איבער אונזערע קעפּ און איז פרשוואונדן געוואָרן אין צפון-זייט. און דאָרטן ווייטער צו צפון-צו, וואוהין מיר זיינען נעגאַנגען, איז ווי א טונקל-בלויע וואַנט געשטאַנען דער אַלטער וואַלד. ווייס-ראָזעווע וואָלקנס זיינען געהאנגען איבער אים.

מיר האָבן זיך אויף אַ ווײַלע צוגעזעצט אָפּרוען. „נאָך א זיבן-אַכט קילאָמעטער בלייבט אונז צו גיין, — האָט דער וואַלד-שומר געזאָגט צו מיר, אזוי-ווי ער וואָלט געוועזט טרעפן די געדאַנקען מיינע.

מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון באַרג און אַוועק מיט אַ קליין סטעזשקעלע וואָס האָט זיך געשלענגלט דורכן נאָדל-וואַלד. די וואַלד-געדיכטעניש האָט אונז אַריינגענומען אין זיך. אַ טיפע שטילקייט האָט אונז אַרומגענומען. דאָס האָט געדויערט אַ האַלבע שעה אומגעפער. פלוצים האָבן מיר דערהערט דאָס רוישן פון א טייכל. דאָס איז געווען דער צווייטער טייך איבער וועלכן מיר האָבן געזאָלט אַריבערגיין.

מיר האָבן אויסגעשניטן לאַנגע שטעקנס און אָנשפּאַרנדיק זיך אויף זיי האָבן מיר אָנגעהויבן אַרבערגיין איבערן קלאָרן וואַלד-טייכל וואָס ווער-ווייסט פון אַ וואָסערע טיפענישן ס׳איז געקומען און וועלכע סודות פון וואַלד און פונטס זומפּ-עס האָט געטראָגן מיט זיך. יעצט זיינען מיר שוין אַריין אין אַ געדיכטן סאָסנאָווען וואַלד. גראָבע וואַלד-שטאַמען, האַלב-צעפוילטע שוין און באַוואַקסענע מיט מאָך, זיינען געלעגן אָנגעוואַלגערט איבער דער סטעזשקע. בא דעם ערשטן פּרואוו אַרויפצוטרעטן אויף אַזאַ וואַלד-ריז פלעגן די פיס אַריינדרינגען טיף אינעווייניק. איבערגעשראָקענע פייגל פלעגן מיט אַ גערויש און קלאַפּעריי פון זייערע פליגל אויפהויבן זיך פון אונטער די פיס און פלעגן פאַרשוואונדן ווערן אין דער וואַלד-געדיכטעניש. נאָך אַ האַלבע שעה פון גיין איבערן וואַלד זיינען מיר אַרויסגעקומען אויף אַ בליענדער לאָנקע

מיר האָבן זיך צונעזעצט אַ ווײַלע אָפּרוען אויף איינעם פון די שטאַמען, וועלכע זיינען נאָך פאַרבליבן פון ווינטער.

דער וואַלד-וועכטער האָט פאַרויכערט זיין ליולקע און דער רויך האָט צעטריבן די גאַנצע מחנות קאָמאַרן, וועלכע האָבן זיך געטראָגן און געברומט ארום אונז און איבער די פייכטע גראָזן. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיר זיך אויפגעהויבן און געלאָזט ווייטער אין וועג אריין.

דער וועג איבער וועלכן מיר זיינען יעצט געגאַנגען איז געווען אַ ווינטערדיקער; זומער איז ער אין גאַנצן געווען באַוואָקסן מיט בלומען און גראָזן. מיר האָבן געמוזט שפּרינגען פון איין קופּע גראָז אויף דער צווייטער. די פּיס פלעגן זיך זייער אָפּט אויסגליטשן און דעמאָלט פלעגן מיר אַריינפאַלן ביז איבער די קני אין וואַסער אַריין. פון צייט צו צייט פלעגט פון צווישן די גראָזן און בלומען אַ גלאַנץ-טאָן דער קערפּער פון אַ שלאַנג. אַ ווײַלע פלעגט ער זיך פאַרהאַלטן און באַלד פאַרשווינדן צווישן די גראָזן.

מיר האָבן געמיטן דעם ווינטערדיקן וועג און זיינען אַרויף אויף אַ האַרטן, טרוקענעם בדאָן. דערווײַלע איז שוין געוואָרן פאַרנאַכט. אונטן איז שוין אין גאַנצן געווען פינצטער. דערפאַר אָבער איז דער באָדן אונטער אונזערע פּיס געווען זאַמדיק, טרוקן און האַרט.

„נאָט צו דאַנקען! — האָט אויסגערופן דער וועכטער, — מיר האָבן שוין געמיטן די זומפּן. און אָט האָט פון ווייטן אַ גלאַנץ געטאָן אַ פייערל. דאָס איז געווען די וואוינונג פונעם וואַלד-וועכטער. עטלעכע הינט זיינען אַרויסגעלאָפן אַנט־קעגן אונז מיט אַ ווילדער בילעריי, אָבער דערקענענדיק אין אונז היימישע מענטשן האָבן זיי אָנגעהויבן פריינטלעך צו דרייען מיט די עקן.

מיר קענען אָבער ניט בלייבן באַם וועכטער אין שטוב: מיר מוזן גיין ווייטער צום אָרט וואו ס׳לינן די ביימער פונעם

אויסגעהאַקטן וואַלד. מיר מוזן דאָרט איבערציילן און פאַר־
צייכענען די אָפּגעשניטענע שטאַמען.

אַביסל שפּעטער קומען מיר אָן צום באַשטימטן פּלאַץ. אומעטום ליגן אָנגעוואַלגערט קלעצער אוןביימער־שטאַמען. און אַרום אַט דעם בוימערדיקן שלאַכטפעלד שטייט דער נאָך ניט - אָנגערירטער וואַלד מיט זיינע סאָסנעס וואָס דערנרייכן, דאַכט זיך, ביז צו די וואָלקנס. מיר צעליינען אַ פייער. אַרום איז שטיל. נאָר די פונקען פונעם פייער פליען אַרום אין דער נאַכטיקער לופט און אַרום טראָגט זיך אַ ריח פון דער וואַלד־טיפעניש, אַ ריח וואָס קיין גלייכן צו אים איז נאָר אויף דער וועלט נישטאָ.

„און וואָס וועלן מיר טאָן אויב באַנאַכט וועלן אויף אונז אָנפאַלן וועלף?" — פרעג איך דעם שומר און כ׳דערמאָן זיך בשעת מעשה וועגן אַזעלכע פאַלן אין די וועלדער, וועגן וועלכע כ׳האָב זיך אָנגעהערט און געלייענט.

„מ׳יר וועלן זיי פאַרטרייבן מיט די ברענענדיקע צווייגן", ענטפערט ער און לאַכט—. „ניטאָ שוין מער קיין וועלף אין אונזערע וועלדער", — ניט ער צו מיט אַזאַ טאָן גלייך ווי ער זאָל זשאַלעווען וואָס עס זיינען שוין מער קיין וועלף ניטאָ אין אונזערע מקומות. און באַלד הויבט ער אָן דערציילן אַ מעשה וועגן אַמאָליקע צייטן, די אַמאָליקע וועלדער און די חיות וואָס זיינען אין זיי געוועזן. ער זאָגט אַז דאָס פאָלק איז דעמאָלט געוועזן אַ סך געזונטער, נאַטספאַרכטיקער און אַז אין די וועלדער, אויף די פעלדער און לאַנקעס האָבן זיך געהאָדעוועט אַלערליי חיות און עופות.

דער טשייניק באַם פייער הויבט אָן זידן. מיר פאַרפאַרען טיי און נעמען זיך צו דער וועטשערע. דערנאָך שלעפּן מיר אָן פרישע צווייגן און לייגן זיך אויף זיי. קורץ זיינען די זומער־דיקע נעכט און אין אַ פּאָר שעה אַרום דאַרפן מיר שוין אויפשטיין און נעמען זיך צו דער אַרבעט. דערווײַלע אָבער איז

אַ וואַרעמע, זומערדיקע נאַכט. פון אויבן קוקן אַראָפּ איינ-
צלנע שטערנדלעך. אַרום אונז רוישט דער אַלטער וואַלד,
וואָס האָט זיך שוין אַזוי פיל אָנגעזען אין זיין לעבן. ער האָט
אויך זיינע מעשיות צו דערציילן.

דעם 18־טן אָקטאָבער 1919.

———:::———

די אַלטע ווערבע

באַם אַריינפאָר אין דער קאָלאָניע איז געוואָקסן אַן אַלטע ווערבע. קיינער פון די איינוואוינער האָט ניט גע-דענקט פון ווען אָן זי איז דאָרט געוואָקסן. קיינער האָט אויך ניט געוואוסט ווער ס'האָט זי דאָרטן פאַר-פלאַנצט. דאָס איז געווען ניט קיין הויכער אָבער ברייט-צווייגיקער בוים, וואָס האָט פון דער ווייטנס אויסגעזען ווי אַ גיגאַנטישע שוואָם אָדער ווי אַ שירעם.

ווינטער-צייט פלעגט זי אין גאַנצן פאַרשאָטן ווערן מיט שניי און נאָר דער צעצווייגטער שפּיץ איר'ער פלעגט אַרויס-קוקן פון דער אַרומיקער ווייסקייט. פרילינגס-צייט פלעגט פון אונטער אירע וואָרצלען אַרויספליסן אַ קלאָר טייכל מיט פרישן קרישטאָל-וואַסער. דאָס טייכל האָט דורכגעשניטן די לאָנקע און איז אַריינגעפאַלן אין אַ גרעסערן טייך.

זומער-צייט פלעגט דאָס טייכל כמעט אין גאַנצן אויס-געטריקנט ווערן. פאַר דער ווערבע אָבער וואָס איז געוואַקסן אין טאָל פלעגט שטענדיק בלייבן גענוג וואַסער און דערי-בער טאַקע איז זי געוואַקסן אַזוי ברייט און פיל-צווייגנדיק און האָט פון זיך געגעבן אַזאַ פרישן, מחיה'דיקן שאָטן. אין די זומערדיקע היצן פלעגן די פאַסטעכער ברענגען צו טרייבן זייערע סטאַדעס צו דער ווערבע. די יונגע פאַסטעכער פלעגן אַרויפקלעטערן אויפן בוים, אָנשניידן צווייגעלעך און דער-נאָך אויסאַרבעטן דערפון פייפעלעך. די סטאַדעס שאָף פלעגן דערווייל בלייבן ליגן אין שאָטן און בשעת-מעשה שווער עטעמען פון דער גרויסער היץ. די הינט פלעגן ליגן אָן אַ זייט און אכטונג-געבן.

אין די יום-טוב׳דיקע טעג פלעגן די אַלטע בעלי-בתים פון דער קאָלאָניע אַרויסגיין צו דער ווערבע, האָבן זיך אויס-געזעצט אין איר שאָטן און אָנגעהויבן פאַרפירן שמועסן וועגן די אַמאָליקע צייטן. באַ יעדן איינעם פון זיי האָט דער בוים אַרויסגערופן זכרונות, פריילעכע אָדער אומעטיקע, ווייטע, לאַנג-פאַרגאַנגענע אָדער נאָנטע.

אַזוי איז זיך די אַלטע ווערבע געוואַקסן יאָרן-לאַנג. דער-ווייל איז אויף דער וועלט אָנגעקומען אַ גרויסע מלחמה. די איינוואוינער פון דער קאָלאָניע האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען און זיינען צעשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט. נאָר די אַלטע ווערבע איז געבליבן איינע אַליין באַם אַריינפאָר אין דער קאָלאָניע, דאָרטן וואו די וועגן קרייצן זיך. קיינער פון די יונגע פּאַסטעכער האָט שוין מער ניט געקלע-טערט אויף אירע צווייגן און ניט געמאַכט קיין פייפעלעך פון איר קאָרע. די יונגע פּאַסטעכער זיינען אויף דער וועלט צעשפּרייט געוואָרן. די עלטערע בעלי-בתים זיינען זיך שוין מער ניט צונויפגעקומען אין די יום-טוב׳דיקע פרימאָרגנס אויף צו שמועסן וועגן די אַלטע גוטע צייטן: זיי זיינען אויס-געשטאָרבן פון הונגער און קראַנקייטן. אין די הייסע נאָך-מיטאָגדיקע שעהן פלעגן די סטאַדעס זיך שוין מער ניט צו-נויפקומען אונטער איר שאָטן: ס׳איז שוין דאָרט מער קיין שאָף ניט פאַרבליבן. און דער שאָטן פון דער ווערבע איז שוין אויך ניט געבליבן מער דער זעלבער. די צווייגן האָט מען אויסגעהאַקט אויף צו פאַריכטן די וועגן און דער אַלטער בוים האָט שוין איצט ניט אויסגעזען רונד אַזוי ווי אַ שוואָם. די ווערבע איז שוין דעמאָלט ענלעך געווען צו אַ מענטש אַ קאַליקע. נאָר איין זייטיקע צווייג איז באַ איר פאַרבליבן. אָבער זי האָט נאָך אַלץ געלעבט. די איינציקע צווייג וואָס איז איר געבליבן האָט דערגרייכט ביז דעם סאַמע באָדן, האָט געלאָזן וואָרצלען און געצויגן דערפון חיונה. און אַפילו

די אַפּגעהאַקטע צווייגן וואָס מען האָט באַנוצט אויף צו פאַרריכטן דעם וועג, זיינען אויך ניט נעגאַנגען לאבוד. זיי האָבן געלאָזט פון זיך יונגע שפּראָצונגען און מיט דער צייט זיינען באַ דער זייט פונעם וועג אויסגעוואקסן יונגע ביימעלעך. נאָר די אַלטע, איינגעבויגענע, צעקרומטע קאַליקע מיט דעם צעפוילטן אנגעווייד, האָט איבערגעלעבט אַלע מלחמות מיט אינוואַזיעס און האָט נאָך דער מלחמה, דאָס זעלבע ווי פאַר דער מלחמה, יעדן פרילינג געלאָזן פרישע קלעפּיקע בלעטלעך און זומער האָט זי ווידער געגעבן אַ שאָטן, אמת, ניט אַזאַ ברייטן און געדיכטן ווי אין די אַמאָליקע צייטן. קיינער געדענקט ניט ווי אַלט זי איז, קיינער ווייסט ניט ווער ס'האָט זי געפלאַנצט, קיינער ווייסט ניט פון וואַנען ס'האָט זיך גענומען די אַלטע ווערבע באַם אַריינפאָר אין-דער קאָלאָניע — דאָרטן וואו די וועגן קרייצן זיך.

דעם 3־טן אפּריל, 1921.

ווי אזוי די בינשטאָקן זיינען פאַרברענט געוואָרן

יעדער איינער פון אייך, קינדער, האָט געוויס געלערנט אָדער געלייענט וועגן דעם לעבן און זיטן פון די בינען. אַ סך פון אייך האָבן מסתמא באַוואונדערט די אַרבעטזאַמקייט וואָס די דאָזיקע קליינע ברואים ווייזן אַרויס. אַנדערע זיינען געווים אַנטציקט געוואָרן פון דער ריינקייט, ציכטיקייט און אָרדענונג וואָס הערשן אין זייערע רעפּובליקן. אויב אייניקע פון אייך האָבן נאָך דערצו געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו קענען אָנקוקן פון דער נאָנט זייער שטענדיקן באַוועגן זיך, זייער שטענדיקן זאַמלען און רייניקן, זייער פריילעכן זשומען און אַרומשמאַיען, — מעגן זיי זיך פילן גליקלעך און דאַרפן זיין דאַנקבאַר פאַר דער שיינער לעקציע וואָס זיי האָבן באַקומען.

אויב אייך וועט אָבער אַמאָל אויסקומען צו פאַרברענגען אין דער געזעלשאַפט פון די פריילעכע, אַרבעטזאַמע ברואים, זאָלט איר האָבן אין זינען אַז אויף זיי, דאָס זעלבע ווי אויף אונז אַלעמען, קענען אויך אָנקומען גרויסע אומגליקן, אַז זיי קענען אויך איבערלעבן גרויסע צרות, אַז זיי מוזן אָפט מאָל אויך פאַרלירן זייערע איינגעזעסענע היימען און אָנהויבן וואַנדלען און וואַנדערן. וועגן איינעם פון אַזעלכע אומגליקן וועל איך אייך יעצט דערציילן.

דאָס איז געשען אינעם יאָר 1915, אויף יענער זייט ים; אָבער דאָס האָט אויך געקענט געשען אין יעדן לאַנד, אין יעדער צייט און אומעטום.

אין איינעם פון די געגנטן פון לאַנד פּוילן האָט צוריק

מיט יאָרן געלעבט אַ איד, אַ גרויסער בעל-הבית, וואָס האָט געהאַלטן אין אַרענדע אַ הויף און דערצו געהאַט אַ גרויסן סאָד, אַ לאַנקע און אַ שטיקל וואַלד. און דער סאָד זיינער איז געווען אַזאַ וואָס איז מער ענלעך געווען צו אַ גרויס פעלד ווי צו אַ סאָד. אַלערליי בוימער זיינען אינעם סאָד געוואַקסן. באַ דעם סאַמע צוים איז ער געווען אַרומגעזעצט מיט יאָדלעס וואָס האָבן פון דער וויטן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ וואַלד און וואָס האָבן מיט זייערע געדיכטע צווייגן ניט דורכגעלאָזט קיין שטורעם און קיין שטאַרקן ווינט וואָס זאָל קענען ברעג-נען שאָדן די פרוכט-ביימער וועלכע זיינען געוואַקסן אינע-וויניק. און ביימער זיינען אינעם דאָזיקן סאָד געוואַקסן פון אַלערליי מינים פרוכט: עפּל-ביימער, וועלכע האָבן אין פרילינגס-צייט אויסגעזען ווי באַגאָסענע מיט מילך; באַרן-ביימער וועלכע האָבן זיך געפּוצט אין ראָזעווע און נאָכער געררויטעלט זיך און געבלייבט ווי יונגע כלה-מיידלעך און זיי האָבן קאָקעטירט מיט זייערע זאַפטיקע פרוכטן.

אונטער די פרוכטן-ביימער, באַ דער סאַמע ערד, האָבן זיך געטוליעט אַלערליי קוסטעס מיט פאַרשידענע יאַגעדעס, ווי מאַלינעס, אַגרעסן און ווייַמפּערלעך. דעם אינמיטן סאָד האָבן פאַרנומען הויכע, ברייט-צווייַניקע ליפּעס, וועלכע האָבן אין די זומערדיקע חדשים אַנגעפילט דעם סאָד מיט אַזאַ דופט, אַזוי ווי דאָרטן זאָל זיך געוועסט געפינען אַ גאַנצע אַפּטייק מיט פאַרפומע. אָבער דאָס שענסטע צירונג פונעם סאָד זיינען געווען די בינשטאָקן וואָס זיינען געשטאַנען אונ-טער די ליפּעס. זיי זיינען געווען אויסגעשטעלט אין אַ גרויסן פיר-עק, אין מיטן פון וועלכן עס איז געווען אַ גאָרטן. אין משך פון גאַנצן ווינטער פלעגן די בינשטאָקן שטיין אַרומ-געוויקלטע מיט שטרוי און זיי האָבן דעמאָלט אויסגעזען ווי קורצפיסלדיקע קאַרליקעס, וועלכע מען האָט אַרומגע-וויקלט מיט שמאַטעס אויף צו באַשיצן פון קעלט. דערפאַר

אָבער גלייך מיט די ערשטע שטראַלן פון דער פרילינגדיקער זון, ווי נאָר דער שניי פלעגט ווערן צעשמאָלצן און די ערשטע פרילינגס-בלימלעך פלעגן זיך נעמען באַווייזן, - אַזוי גלייך פלעגן די בינשטאָקן אויפלעבן און די בינען פלעגן דעמאָלט אָנהויבן זשומען פון אין דער פרי ביז נאָך זון-אונטערגאַנג.

די טעטיקייט אַרום די בינשטאָקן פלעגט זיך ניט איבערייסן אין פאַרלויף פון אַ גאַנצן זומער. אין דער צייט וואָס די קעניגן איז געווען פאַרנומען מיט לייגן אייעלעך און אויסבריען דעם יונגן דור, האָבן די ארבעטערנס געאַרבעט אַרום די סאָטן אַזוי לאַנג ביז זיי פלעגן אויסגעפּלאָסטערט ווערן מיט קרשטאָל-ריינעם וואַקס. אין מיטן זומער פלעגט דער יונגער דור צוזאַמען מיט דער קעניגן פאַרלאָזן דעם בינשטאָק און אַוועקפליען זוכן אַ נייע היים.

דער האָניק וואָס די בינען פלעגן דאָ אויסאַרבעטן האָט זיך גערעכנט אַלס איינער פון די בעסטע אין דער גאַנצער אַרומיקער געגנט: ער איז געווען פריש און שמעקעדיק ווי די ערשטע רויזן און דורכזיכטיק ווי די ערשטע פרילינגס-וואַסערן. און דערצו האָט ער געשמעקט מיטן ריח פון ליפּע-בליעכץ. חוץ די ליפּע-ביימער, האָבן די בינען געהאַט נאָך אַ פּלאַץ אויף צו זאַמלען שטאָף און קענען צוגרייטן דערפון וואַקס און האָניק: — דאָס איז געווען אַ גרויס פעלד וואָס האָט זיך אָנגעהויבן באַם סאַמע סאָד און האָט זיך געצויגן ביז דעם גרויסן וועג.

אין דעם זומער ווען וועלכן מיר דערציילן יעצט, איז דאָס פעלד געווען פאַרזייט מיט גריקע און ווען מען איז געפאָרן איבערן וועג און געקוקט צום סאָד האָט עס אויסגעזען ווי אַ ברייטער ראָז-ווייסער טעפּיך, וועלכער שאַטירט זיך און נייט דערנאָך איבער אין טונקל-גרין. ווען די בינען פלעגן זיך אומקערן באַלאָדענע מיט שווערער משא, פלעגן זיי דורכפליען איינציקווייז צווישן די יאָדל-ביימער. זיי האָבן

זיך זייער פּאַרזיכטיק באַנאַנגען מיט זייער טייערער משא און האָבן זיך אויסגעהיטן זיי זאָלן ניט פאַרלירן דערפון קיין איינציקן טראָפּן.

אַרום די בינען איז אַרומגעגאַנגען אַן אַלטער פּויער, אַ געניטער אין בינען-צוכט. דער בעל-הבית אַליין האָט גע-האַט געגוג אַנדערע באַשעפטיקונגען: ער האָט געהאַלטן אין אַרענדע אַ גרויסן הויף און זומער-צייט איז געווען אי-בערגענוג אַרבעט אויף די פעלדער באַם שניידן די תבואה און נאָכער באַם דרעשן. דערפאַר אָבער האָט דער אינגל זיי-נער, בנימין, ניט אָפּגעטראָטן פון דעם אַלטן בינען-צוכטער. ער פלעגט זיך אָפּט פאַרקלייבן איןביידל און פאַרבלייבן דאָרטן גאַנצענע נעכט. דער אַלטער בינען-צוכטער האָט זיך באַנאַכט אָפּגעגעבן מיט היטן די פרוכט-בוימער פון אַלערליי אומגעבעטענע געסט. אַ פייער האָט געברענט באַם אַריינגאַנג פון געצעלט, כדי צו פאַרטרייבן די מאָסקיטן. בנימין פלעגט זיך אויסציען אויפן פרישן היי און דער אַלטער פלעגט דערוויל זיצן און דערציילן מעשיות. ער האָט גע-קענט דערציילן ווען זינדיקע נשמות וואָס בלאָנקען אום באַ-נאַכט, וועגן גלגולים, שדים און רוחות. ער האָט אויך ליב געהאַט צו דערציילן וועגן אַמאָליקע מלחמות, וועגן דעם טערקישן קריג אין וועלכן ער האָט אַליין גענומען אנטייל. אָפט פלעגט דאָרט בנימין אַזוי בלייבן זיצן ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט.

ווען זיי זיינען איין מאָל אַזוי געזעסן ביידע און דער אַל-טער האָט געהאַלטן אין דערציילן וועגן טערקיי, וועגן טייך דונאַי, איבער וועלכן זיי האָבן געמוזט אַריבערגיין און וועגן דעם באַרג שיפּקאַ אויף וועלכן זיי האָבן געקלעטערט ווינ-טער-צייט, — האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ ווייטער, טעמ-פּער, ניט דייטלעכער קלאַנג וואָס איז ענלעך געווען צו אַ ווייטן דונער אָדער האָט אויסגעזען ווי עמעצער וואָלט ער-

געץ-וואו קיקלען אַ פּוסט פּאַס. דער אַלטער האָט זיך אַ ווײַלע צוגעהערט און באַמערקט: „דאָס איז זי!״

—ווער? — האָט בנימין געפרעגט, ניט פאַרשטייענדיק וועמען ער מיינט.

—די מלחמה! — האָט דער אַלטער געזאָגט.

בנימין האָט שוין געוואוסט אַז ערגעץ-וואו אויף דער גרויסער וועלט קומט פאָר אַ שרעקלעכע מלחמה. ער האָט געוואוסט אַז די דײַטשן שלאָגן זיך מיט די רוסן. ער האָט דאָס געוואוסט פון די צײַטונגען וואָס זײַן פאָטער פלעגט באַקו- מען, פון די שכנישע בחורים וועלכע מען האָט צוגענומען אין קריג, פון די בריוו וואָס זיי פלעגן שרײַבן, פון די היימלאָזע וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן בײַ זיי אין די געגנטן. דעם אמתן קלאַנג אָבער פון דער מלחמה האָט ער צום ערשטן מאָל דערהערט אין יענעם פרילינגדיקן אָוונט, ווען ער איז געזעסן אין געצעלט, אַרײַנגעאָטעמט דעם ריח וואָס איז גע- ווען צונויפגעמישט מיט דער פײַכטקייט פון דער נאַכט. פון יענער נאַכט אָן האָט ער אָנגעהויבן צוהערן זיך מיט מער אויפמערקזאַמקייט. מיט יעדן טאָג האָט ער זיך אָנגעהויבן אַלץ מער און מער דערוואוסן, אַז די מלחמה האַלט זיך אין איין דערנענטערן צו זייער היים.

אין גיכן האָט געמיטן דער פרילינג. עס האָבן אָפּגע- בליט די פרוכט-ביימער. עס האָבן אָנגעהויבן צײַטיק ווערן די ערשטע קאַרשן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טרוקענער און הייסער זומער. אַ סך פעלדער מיט תבואה זײַנען דעמאָלט געבליבן ניט-אַראָפּגענומענע: עס איז קיין צײַט ניט געווען. די מלחמה האָט מאַרשירט מיט גרויסע שריט איבער אַלע וועגן פון לאַנד און האָט אומעטום געזייט שרפות און איבער- געלאָזט נאָך זיך חורבות. עס האָבן געברענט שטעט און שטעטלעך, דערפער, פעלדער, לאַנקעס מיט סקירדעס היי, וועלדער און, אָפטמאָל אין די הייסע זומערדיקע נעכט האָט

אויסגעזען ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געברענט! איבער די
פאַרשטויבטע וועגן האָט מען געטריבן סטאַדעס קי און
פערד; זיי האָבן זיך געשלעפּט אויסגעמאַטערטע פון דאָרשט,
פאַרשטויבטע, מיט פאַרשטאָפּטע נאָזלעכער. ניט ווייניק
פון זיי זיינען געפאַלן אויף די הייסע, שטויביקע וועגן און שוין
מער ניט אויפגעשטאַנען. אַנדערע פלעגן נאָך מיט די לעצ-
טע כוחות צוקומען ביז אַ נאָנטן טייכל, אַריינפאַלן אין וואַ-
סער און שוין מער ניט וועלן אַרויסקריכן פון דאָרטן.

אין גיכן זיינען אין דער געגנט אָנגעקומען הימלאָזע
מיט זייערע פערד און וועגענער, מיט זייער האָב און גוטס,
מיט זייערע פרויען און קינדער, געזונטע און קראַנקע. די
הימלאָזע פלעגן בלייבן שטיין א טאָג אָדער צוויי באַם טאָד
און דערנאָכדעם פאָרן ווייטער. אין גיכן האָבן זיך שוין אויך
גענומען באַווייזן די ערשטע אָפּטיילונגען סאָלדאַטן, וועלכע
זיינען אָפּגעטראָטן און זיך פאַרטיידיקט קעגן די אָנגרייפער.
זיי פלעגן בלייבן אַ קורצע צייט אין הויף, זיך אַביסל אָפּרוען
און דערנאָכדעם ציען ווייטער.

מען ווייסט ניט גענוי ווער ס'האָט זיך פריער דערוואוסט
וועגן דער אָנקומענדיקער מלחמה: בנימין אָדער די בינען.
קיין צייטונגען האָבן די בינען ניט געלייענט. אָבער אַ סברא
אַז עפּעס האָבן זיי יאָ דערשפּירט. זיי האָבן דערפילט אַז אויף
דער וועלט קומט פאָר עפּעס אַזעלכעס וואָס שלאָגט איבער
דעם ריטם פון זייער לעבן. אַפילו אין דעם אופן ווי אַזוי דער
אַלטער בינען-צוכטער האָט זיי באַהאַנדלט האָבן זיי דאָס
דערפילט. ער איז שוין מער ניט געווען דער זעלביקער
פלינקער אַלטיטשקער וואָס איז פון שטענדיק אָן אַרומגע-
גאַנגען אַרום די בינען אַ פריילעכער, צוזינגענדיק אָפּט, אָדער
אָנגעהויבן זייער אָפּט פאַרטראַכטן זיך, ניט איין מאָל זיך

פאַרגעסן אַרויסצונעמען די סאַטן אָדער אַדורכצולאָזן דעם
האָניק אינעם דעסטילאַטאָר.

צו דעם אַלעמען איז צוגעקומען נאָך עפּעס אַזעלכעס
וואָס זיי האָבן דערפילט. דאָס איז געווען די איבערגעווינט-
לעבע טריקעניש פון יענעם זומער. די גרעזער אויף די לאָנ-
קעס זיינען פאַרטריקנט געוואָרן און די בלומען האָבן שנעל
פאַרוועלקט. די בינען פלעגן זיך אָפּט אומקערן מידע און
בייזע און עס האָט אַפילו עטלעכע מאָל געטראָפן אַז זיי
האָבן צעביסן דעם אַלטן בינען-צוכטער, אַ זאַך וואָס פריער
פלעגט דאָס קיין מאָל נישט פּאַסירן, ווייל זיי האָבן אים גע-
קענט, געפילט זיין ריח און ליב געהאַט.

איין מאָל, אין אַ היסן זומערדיקן פרימאָרגן, ווען די זון
האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אויפגעהויבן איבערן וואַלד, האָבן
זיך די בינען אויפגעכאַפּט און זיינען אַרויסגעפלויגן צו זייער
טאָג-טעגלעכער באַשעפטיקונג. פונקט ווי יעדן טאָג האָבן
זיי דאָס מאָל זיך אַוועקגעלאָזט גלייך צו דעם גריקע - פעלד.
אָבער דאָס מאָל האָבן זיי ניט דערקענט זייער אַזוי באַליבטן
פּלאַץ. אנשטאט אַ ראָזעוון טעפּיך מיט בלומען, האָט זיך
דאָס מאָל פאַר זיי געשפּרייט אַ פעלד מיט לאַנגע צעגראָבע-
נע גריבער. אין די דאָזיקע גריבער זיינען געלעגן מענטשן
מיט ביקסן אין די הענט און אַרויסגעקוקט צו מעריב-זייט. וואו
ניט וואו, צווישן די גרודעס פייכטע ערד זיינען נאָך פאַר-
בליבן איינצלנע בלימעלעך, רעשטלעך פונעם אַמאָליקן
באַבלימלטן פעלד. אַ צייט זיינען די בינען אַזוי אַרומגעפלויגן,
ווי צעחושטע, ניט ווויסנדיק וואָס אָנהויבן צו טאָן. ביז וואַנען
זיי האָבן זיך ווי פאַרשעמטע אָנגעהויבן אומקערן צוריק
אַהיים צו זייערע בינשטאָקן.

אָבער אין פאַרלויף פון דער קורצער צייט וואָס ס'האָט גע-
דויערט זייער קורצע רייזע אַהין און צוריק, זיינען אויך אינעם
סאָד פאָרגעקומען גאָר גרויסע ענדערונגען, כמעט אַזעלכע

ווי אויף דעם גריקע-פעלד. אַ גאַנצע קאָמפּאַניע הימלאָזע האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן פעלד און די ניט-געבעטענע געסט האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין סאָד און האָבן דאָרט אָנגע-הויבן בעל-הביתעווען אויף זייער שטייגער. זיי האָבן גע-קלעטערט איבער די ביימער, געריסן די פּרוכט, געבראָכן די צווייגן און געווילדעוועט. בנימין איז אַרומגעלאָפן פון איין גרופּע צו דער צווייטער און האָט זיך געבעטן זיי זאָלן לכל-הפחות ניט טשעפּען די בינשטאָקן. איינער פון די הימלאָזע, אַ פאַרשוויצטער, אָן אַ היטל, מיט צעפּלאָשעטע האָר איז געשטאַנען בײַ די בינשטאָקן און האָט דערקלערט ווי אַזוי מען קען אַרויסנעמען דעם האָניק: „מען דאַרף אָנצינדן בינטלעך שטרוי, פריער אַרויסרויכערן די בינען און דערנאָכדעם צוטרעטן צום האָניק גופא", — האָט ער דערקלערט. — ער אַליין האָט טאַקע דער ערשטער אַזוי געטאָן: ער האָט אַרויס-גענומען שטרוי פונעםביידל (דער וועכטער איז יענעם טאָג אין סאָד ניט געווען), האָט עס אָנגעבונדן אויף אַ שטעקן און זיך גענומען צו דער אַרבעט. ווי נאָר ער פלעגט צוטראָגן דאָס בינטל אָנגעצונדענע שטרוי צום בינשטאָק, אַזוי האָט זיך פון אינעווייניק גלייך דערהערט אַ בייזער זשומען און די בינען האָבן גרופּעסווייז פאַרלאָזט זייערע הימען. נאָך דעם האָט שוין ניט געקאָסט קיין סך מי אַרויסצונעמען די ראָמען מיט שמעקעדיקן וואַקס און מיט קרישטאָל-ריינעם האָניק.

באַלד אָבער האָבן די בינשטאָקן, וועלכע זיינען איבערן זומער געוואָרן זייער טרוקן, אָנגעהויבן ברענען איינס נאָכן אַנדערן און זיי האָבן דעמאָלט אויסגעזען ווי די גרויסע ליכט, וואָס מען צינדט אָן יום-כּפּור צו כל-נדרי. די דערשראָקענע און צעטומלטע בינען האָבן צוזאַמען מיטן רויך זיך געהויבן אין דער לופטן. זיי האָבן זיך אָבער לאַנג ניט געקענט האַלטן און זיינען באַלד אַראָפּגעפאַלן מיט פאַרסמאַליעטע פליגע-לעך און באַדעקט די ערד מיט זייערע קערפּערלעך.

די הימלאָזע האָבן דערווייל ווייטער געטאָן זייער צעשטערערישע אַרבעט: זיי האָבן געשלעפּט די סאָטן און געטראָגן צו זיך אויף די וועגענער; אַנדערע ווידער פּלעגן אויסקוועטשן דאָס ביסל האָניק און גלייך אַוועקוואַרפן דעם וואַקס. דער הימלאָזער וואָס איז דער ערשטער געפאַלן אויפן פּלאַן ווען אויסרויבערן די בינען, האָט אַרויסגענומען אַ גרויסן סאָט און האָט אָנגעהויבן אַרומלויפן מיט אים אהין און צוריק; דערביי האָט ער זיך אָנגעהויבן באַרימען אַז ווען ניט ער וואָלט קיינער ניט פאַלן אויפן געראָטענעם פּלאַן ווי אַזוי אַרויסצונעמען דעם האָניק און ניט צעביסן ווערן דורך די בינען. ריידנדיק אַזוי האָט ער גענומען דעם סאָט און אָנגעהויבן אויסלעקן די טראָפּנס האָניק.

אָבער דאָ האָט פּאַסירט עפּעס אַזוינס וואָס האָט אָנגעפילט בנימינ׳ס האַרץ מיט פרייד פון נקמה און האָט אַפילו אַרויסגערופן באַ אים אַן אויסברוך פון געלעכטער, כאָטש אין יענעם טאָג איז ער געווען זייער ווייניק אויפגעליינט צום לאַכן. חברה! — האָט דער הימלאָזער א געשריי געטאָן, — לערנט זיך באַ מיר ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַגיין מיט בינען. ער האָט אָבער ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן זיין דערקלערונג: ער האָט פּלוצלונג אַ שליידער געטאָן דעם סאָט און אָנגעהויבן אַרומצולויפן, אונטערשפּרינגענדיק און מורמלענדיק עפּעס אַזעלכעס וואָס קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען. דאָס מויל זיינס איז געוואָרן „פול מיט צונג״ עטלעכע פון די הימלאָזע זיינע צוגעלאָפן צו אים און געפרעגט וואָס ס׳איז געשען. אָבער דאָס איינציקע, וואָס מען האָט דערהערט פון אים איז געווען: „בין, בין, :בין״. ערשט דעמאָלט האָבן זיי פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך: די עטלעכע בינען וואָס זיינען געזעסן אין די קעמערלעך פונעם סאָט האָבן עס אים אַזוי באַצאָלט דערפאַר וואָס ער האָט אַכזריותדיק אונטערגעצונדן זייערע הייזער.

אין אַ פּאָר שעה אַרום נאָך דער דאָזיקער געשיכטע האָבן די הימלאָזע פּלוצלונג פאַרלאָזט דעם סאַד. זיי האָבן אויף שנעל איינגעשפּאַנט די פערד און וועגענער און זיינען אַוועקגעפאָרן. בנימין איז געבליבן איינער אַליין אין דעם גרויסן סאַד. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קלאָץ און צוגעקוקט צו דעם ווי אַזוי די בינשטאָקן האָבן געברענט.

דער טאָג איז געווען אַ שטילער שפּעט-זומערדיקער. אויפן בלויען הימל האָבן זיך געהאַלטן איינציקע, לייכטע וואָלקנדלעך, אָבער זיי פֿלעגן אויך צעשוואומען. קיין ווינט איז ניט געווען און די בינשטאָקן האָבן געברענט ווי ליכט אין אַ פאַרמאַכטן צימער: די פלאַמען פון יעדן בינשטאָק האָבן זיך געצויגן אַרויף צום בלויען הימל. דער רויך האָט זיך אויך געצויגן אַרויף-צו, אָבער ער האָט דערגרייכט אַ סך העכער ווי די פייערן פון יעדן בינשטאָק באַזונדער. ער האָט דערגרייכט כמעט ביז די שפּיצן פון די ליפּעס און האָט דאָרטן זיך צעשפּרייט אין דער פאָרעם פון אַ לייכטן, בלויִ-לעכן פאָרהאַנג. אויף דער ערד זיינען געבליבן לינן גאַנצע הויפנס מיט קליינע גופימלעך. די לעבעדיק-געבליבענע בינען האָבן אומעטיק געזשומעט, ניט ווייסנדיק וואָס צו טאָן און וואוהין צו פליען. ביז שפּעט אין אָוונט איז אין דער לופטן געשטאַנען זייער זשומען. בנימין איז געזעסן אויפן קלאָץ און צוגעהערט זיך צו זייער פאַר־יתומ־טן רוישן. ווען דער אַלטער בינען-צוכטער וואָלט געווען, וואָלט ער אים געוויס געהאַט וואָס צו פרעגן. אָבער קיינער איז ניט געקומען בדי אים לייכטער צו מאַכן זיין צער. אַזוי איז ער אָפּגעזעסן ביז וואַנען די זון איז אונטערגעגאַנגען און ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שטערן. קיין זשומען האָט זיך שוין מער ניט געהערט. ווייזט אוים אַז די לעבעדיק-געבליבענע בינען האָבן שוין געפונען אַ פּלאַץ וואו איבערצונעכטיקן. אַרום איז געווען שטיל. אָבער דאָס איז געווען די שטילקייט פון פאַר אַ גרויסן שטורעם

בנימין האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿונעם קלאָץ און האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים, אויב ס'איז נאָך געווען אַ היים, ווייל די הײַמען, אין אַזעלכע צײַטן ווי די וועגן וועלכע מיך דער־ציילן, האָבן זיך אָפֿט געביטן און זיינען געווען אַזוי ווינציק דויערהאַפֿטיק ווי די פֿאַליעס אופֿן וואַסער אָדער די וואָלקנס אויפֿן הימל.

בנימין האָט אין יענעם פֿאַרנאַכט צום ערשטן מאָל דערפֿילט דעם גרויסן צער פֿון דער וועלט און דעם ווייטיק פֿון זיין איינענער עקזיסטענץ.

צום ערשטן מאָל געשריבן דעם 10־טן אויגוסט 1928;
אויף דאָס ניי, דעם 1־טן אָקטאָבער 1944.

—— :: ——

ווי אַזוי די קי מיט די שעפּסן האָבן זיך אָנגעשכור׳ט און געטאַנצט

אַסך מאָל איז אײַך געווים אויסגעקומען צו טרעפן שכור׳ע מענטשן אין גאַס. ווען איר זענט געגאַנגען אין שולע אַריין האָט איר מן-הסתם ניט איין מאָל באַגעגנט אַ מענטש אַזאַ וואָס איז געגאַנגען און זיך געוואַקלט; דערבײַ האָט ער געמאַכט קאָמישע זיגזאַגן פון איין זײַט טראָטואַר צום צווייטן און ער האָט בשעת-מעשה געווים אויסגעזען אין אײַערע אויגן ווי אַ שיפעלע אין דער צײַט פון אַ שטורעם. אַז איר באַגעגנט אַזאַ איינעם אין גאַס און איר הערט זיך צו ווי ער זידלט יעדן דורכגייער, ווי ער טשעפּעט זיך צו יעדן איינעם, — מײַדט איר אים מסתמא אויס, איר טרעט אים אָפּ דעם וועג, אָדער איר גייט אַריבער אויף דעם צווייטן טראָטואַר. אַ סך פון אײַך פילן געווים מיטלייד מיט אַזאַ מענטשן. דער מיטלייד קען, אָן ספק, איבערגיין אין אַ טיפן געפיל פון רחמנות, אויב נאָר איר ווערט באַם אָנקוקן דעם שכור זיך פאָרשטעלן דערבײַ די לײַדן פון זײַן פרוי און קינד, אָדער דעם קלאָגעדיקן מצב פון זײַן אייגענעם געזונט. מסתמא האָבן אויך אײַערע לערער אײַך ניט איין מאָל שוין דערציילט, אַז שכרות איז זייער אַ שלעכטע געוואוינהייט, אַז עס איז אַ חרפה פאַרן שכור גופא און אין דער זעלבער צײַט אַ געפאַר פאַר דער געזעלשאַפט. אָבער עס קען זײַן אַז די לערער האָבן אײַך נאָך ניט דערציילט אַז ניט נאָר מענטשן, נאָר אַפילו שטוב-חיות קענען זיך אָנשכורן. און דערבײַ געשעט אַ מאָדנע זאַך: אין דער צײַט

האָס דער אָנבליק פֿון א שכור אַ מענטש רופֿט אַרויס בײַ אונדז עקל, אָדער אין בעסטן פֿאַל: רחמנות׳ קען דער אָנבליק פֿון אַ שכור׳ער חיה אַרויסרופֿן נאָר געלעכטער און טאַקע מער ניט ווי געלעכטער. עס איז נאָר אַ שאָד וואָס די מעשה וואָס איך גיי אײַך דערציילן איז ניט געשען אין אַ צײַט ווען מענטשן גיבן זיך אָפּ מיט לאַכן: — דאָס איז געשען אין די צײַטן פֿון דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען דער שטורעם פֿון קריג האָט זיך מיט זײַן גאַנצן אימפּעט געט[...]ן איבער די פֿעלדער פֿון פּוילן און ליטע און האָט אומעטום אָנגעמאַכט חורבן און גע-בראַכט פֿאַרוויסטונג און טויט.

אין איינער פֿון די געגנטן אין פּוילן וואוהין די מלחמה האָט זיך דערנענטערט אין יענעם זומער, האָט געלעבט אַ איד אַן אַרענדאַר. ער האָט געהאַלטן אין אַרענדע אַ גרויסן הויף און האָט געהאַט אַ סך קי, פֿערד, שאָף און עופֿות. ער האָט גע-וואוינט אין אַ גרויסער שטוב מיט אַ סך ליכטיקע פֿענצטער-דיקע צימערן עטלעכע שפּייכלערס מיט ספּעציעלע גרויסע קיבן וואו מען פֿלעגט איבערזײַדן די קרוגן זויערמילך און מאַכן דערפֿון קעז. פֿון איין זײַט שטוב האָט זיך געצויגן אַ גרויסער סאָד מיט אַ סך פּרוכטביימער, מיט בלומען בײַ די פֿענצטער און מיט נאָך מער פֿייגלשע נעסטן אויף די ביימער.

פֿון דער צווייטער זײַט שטוב האָט זיך געצויגן אַ גרויסער הויף, וואָס איז פֿון צוויי זײַטן זײַנע געווען אַרומגעפֿלאַנצט מיט ביימער און דורך אַ דריטער זײַט האָט ער[...]כט ביז אַ סאַזשלקע, וועלכע איז פֿון אַלע זײַטן געווען באַ[...]ן מיט ווערבעס וואָס די צווייגן זייערע האָבן זיך אַראָפּגעל[...] האַרט ביז צום סאַמע וואַסער. שטייענדיק באַם פֿענצטער פֿ[...]ס עס-צימער האָט מען געקענט זען ווי די פּאַסטעכער טרײַ[...] די קי אין פֿעלד אַרײַן. מיטאָג-צײַט האָט מען געקענט זען ווי די זעלבע קי קומען צוריק פֿונעם פֿעלד, ווי זיי קריכן אַרײַן ביז איבער די קני אין וואַסער, ווי זיי שטייען אַזוי אַ לאַנגע צײַט און

האָבן הנאה, ווי זיי קריכן נאָכער אַרויס און ליגן זיך אינעם שאָטן פון די ביימער און זיינען מעלה-גירה פויל און לאַנגזאַם.

די קי זיינען אָבער ניט געווען די איינציקע באַזוכער פון דער סאַזשלקע. גלייך ווי די פּלענן פאַרשוואונדן ווערן הינטער די ביימער, האָט מען געקענט זען ווי דעם פּאַסטעכס מיידעלע, ברענגט צו טרייבן די גענז מיט די קאַטשקעס וואָס זיינען געווען אזוי פיל דאָס מען האָט געקענט מיינען אַז דאָ געפינט זיך אַ גאַנצע מלוכה פון גענז און קאַטשקעס. נאָך דעם ווי די עופות פלענן זיך גענוג אָנשפּילן אין וואַסער און אונטערן וואַסער, פלענן זיי אַרויסקריכן אונטערן שאָטן פון די ווערבעס און פלענן אַ לאַנגע צייט רייניקן די פעדערן. אַלע איינוואוינער פונעם הויף' סיי די מענטשן און סיי די חיות האָבן ליב געהאַט די סאַזשלקע. מער פון אַלעמען איז צו איר געווען צוגעבונדן דעם אַרענדאַרס אינגל. ער איז אויפגעוואקסן צוזאַמען מיט איר און האָט זי באַטראַכט אַלס אַ טייל פון זיין אייגענעם איך. איבערהויפּט זומער-צייט איז אים געווען צו שיידן זיך מיט איר. דעמאָלט האָט ער געקענט אָפּליגן גאַנצענע שעה'ן און צוקוקן זיך צו די קי וואָס זיינען געלעגן אויפן ברעג, אָדער ער פלעגט אַריינקריכן טיף אין וואַסער און אָפּטרייבן די פליגן פון זיך. אין אַזעלכע מאָמענטן ווען די קי זיינען געשטאַנען פויל און געקוקט אין דער ווייטקייט אַריין, האָט ער געגלויבט מיטן גאַנצן האַרצן, אַז די שטומע חיות האָבן אויך נשמות אַזוי ווי מיר מענטשן. ער האָט וועגן דעם ענין פיל מאָל געפּרואווט פאַרפירן א שמועס מיט זיינע חברים, אָבער ער האָט פון זיי קיין געניטע ענטפער ניט געקענט קריגן. אַמערסטן האָבן זיי אויסגעלאַכט דעם געדאַנק אַז אַ קו זאָל קענען האָבן די זעלבע נשמה ווי מיר מענטשן. אַפילו דער שטוביקער רבי וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר אים און פאַר נאָך אַ אינגל, אַ זון פון א שכן וואָס האָט געוואוינט אין אַ נאָענטן דערפל, האָט אים קיין קלאָרע

תשובה נים נעקענט געבן· דאָס אינגל אָבער איז געווען זיכער, אַז אַ בהמה האָט אַ נשמה.

ניט איין מאָל, ליגנדיק אין שאָטן פון די ווערבע-ביימער, האָט ער לאַנג אַריינגעקוקט אין די קלאָרע, פאַרטרערטע אויגן פון די יונגע, האַלב-יאָריקע קעלבער און דעמאָלט איז ער געווען זיכער, אַז ווען זיי קענען ריידן וואָלטן זיי אים דערציילט אַ סך שיינע געשיכטעס וואָס זיי האָבן שוין אי־בערגעלעבט אין פאַרלויף פון זייער יונגן לעבן.

באַ דער סאַזשלקע איז געשטאַנען אַ בראָוואַר וואו מען פלעגט אויסאַרבעטן אַלקאָהאָלישע געטראַנקען. דאָס איז געווען אַ גרויסע און לאַנגע געביידע, אַן אָפּגעקאַלכטע אויף גרוי. פון דער גאַנצער געגנט האָט מען אַהער צונויפגעפירט קאַרטאָפל און גערשטן פון וועלכע מען האָט אויסגעאַרבעט אַלקאָהאָל. מיט איין וואַנט האָט דער בראָוואַר זיך געגרע־נעצט מיט דיזער סאַזשלקע, פון וועלכער ס׳האָט אים אָפּגע־טיילט אַ קליינער שמאָלער פּאַס, וואו ס׳האָט זיך געקענט אָפּשטעלן אַ פור מיט אַ פאַס אויף אָנצאַפּן אַלקאָהאָל. הינ־טער דער וואַנט האָט זיך געפונען אַ גרויסער רעזערוואַר מיט אַלקאָהאָל. די פורן מיט די ליידיקע פעסער פלעגן זיך אָפּשטעלן באַ דער וואַנט, און נאָך דעם ווי מען פלעגט עפע־נען דעם קראַן פלעגט יעדער איינער אָנצאַפּן אַ פול פאַס מיט אַלקאָהאָל און אַוועקפירן עס אין דער גרויסער שטאָט, וואו מען פלעגט דעם אַלקאָהאָל רייניקן און דערנאָך פונאַנ־דערגיסן אין די פלעשער. דער פאַס ערד וואָס האָט אָפּגע־טיילט דעם בראָוואַר פון דער סאַזשלקע איז געווען אַזוי שמאָל דאָס די קי האָבן אים געמוזט דורכגיין איינציקווייז. אמת, פאַר זיי איז דער דורכגאַנג געווען פאַרבונדן מיט אַ הנאה: זיי פלעגן אַריינשמעקן מיט גרוים פאַרגעניגן דעם ריח פון קאַרטאָפל און גערשטן וואָס האָט זיך געלאָזט הערן פון יענער זייט וואַנט. זיי האָבן געוואוסט, אַז פון דעם אָפּפאַל

וואָס דער בראָוואַר ניט אַרויס פאַר זיי ווערן זיי פעט. מען וואָלט אָבער בשום-אופן ניט געקענט זאָגן, אַז דעם אַרענ-דאַרם אינגל האָט געהאַט די זעלבע געפילן ווי די קי. ער האָט ווייניק וואָס ליב געהאַט דעם פאַרדומפּענעם ריח וואָס האָט זיך פון דאָרטן געטראָגן. נאָך מער האָט אים אָפּגע-שטויסן, און אַפילו אַנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אים דער בראָ-וואַר פון אינעווייניק, וואו ס׳האָט שטענדיק געהערשט אַ טונקלקייט און פייכטע פינצטערניש. די אַרבעטער וואָס האָבן זיך געפּאָרעט באַ די גרויסע קעסלען האָבן אויסגעזען ווי מכשפים וואָס זיינען פאַרנומען מיט צוגרייטן עפּעס מאַ-גישע געטראַנקען און די קעסלען ווי מזבחות. פונדעסטוועגן האָט ער אין די לאַנגע האַרבסטיקע אָוונטן ליב געהאַט זיך צוצוקוקן צו זייער משונה׳דיקער אַרבעט וואָס איז באַשטאַ-נען אין מישן, עפּעס אריינשיטן און ווידער מישן; דערנאָך אויסגיסן און צעגיסן. די גרויסע קעסלען האָבן אין אַזעלכע מאָמענטן אויסגעזען ווי ריזן און די אַרבעטער מיט די קליינע לאַמטערנדלעך אין די הענט, ווי ליליפּוטן וואָס זיינען געקו-מען מיט אַ העפלעכן וויזיט צו די ריזן אין זייער מלוכה אַריין.

דערפאַר אָבער זיינען די קי, ווי מיר האָבן עס שוין פריער געזאָגט, געווען זייער צופרידן פון בראָוואַר, פון דעם קאַר-טאָפל-אָפּפאַל, פון קלייען און שיטערער בראַגע מיט וועל-כע מען האָט זיי אַ גאַנצן ווינטער געקאָרמעט, כדי זיי זאָלן געבן וואָס מערער מילך.

די פערד זיינען געווען מער איבערקלייבעריש און האָבן ניט געוואָלט טרינקען די פעטע פליסיקייט; עס איז דאָך גוט באַקאַנט וואָס פאַראַ גרויסע איבערקלייבער זיי זיינען אין די ענינים פון טרינקען.

דער הויף, די סטאַדעס קי און שאָף, די פערד מיט די שופות, דער גאָרטן און די סאַזשלקע, דאָס אַלץ האָט אינייינעם געבילדעט אַ באַזונדער וועלט, וואָס יעדע זאַך איז געווען

אויפן געהעריקן פלאַץ און וואו יעדער איינער האָט געקענט מיינען, אַז אַזוי איז עס שוין געוועזן פון אייביק אָן און אַזוי וועט עס שוין בלייבן אייביק. צווישן די איינוואוינער פון הויף וואָס האָבן געמיינט אַז אַזוי וועט עס שוין בלייבן אויף אייביק איז דעם אַרענדאַרס אינגל געוועזן דער ערשטער.

דערווייל אָבער זיינען פאָרגעקומען גרויסע פאַרענדערונגען צווישן די מענטשן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכע מלחמה וועלכע האָט פאַרכאַפט גאַנצענע לענדער און פעלקער. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן זייער מאַרש אויף פוילן. די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו די ערטער וואו ס'האָבן ז יך געפונען די סאַזשלקע מיט די ווערבעס אויף אירע ברעגעס. דער מעריב-זייט פונעם הימל איז דעמאָלט פון די ווייטע שרפות וואָס די מלחמה האָט דאַן פאַרורזאַכט די איינוואוינער וואָס זיינען פון דורות אָן געזעסן אויף זייערע ערטער, האָבן פאַרלאָזן זייערע הייזער און געלאָזט זיך אין ווייטן וועג אריין, איבער די גרויסע און ברייטע שליאַכן, איבער די שמאָלע און קליינע זייטיקע וועגן האָבן זיך דעמאָלט געשלעפּט אומצאָליקע וועגענער מיט הימלאָזע. אויף די וועגענער, וועלכע זיינען געווען אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס-גוטס, זיינען געזעסן פרויען, מענער און קינדער, וועלכע האָבן זיך געאיילט, באַטש קיינער פון זיי האָט ניט געוואוסט וואָס עס וואַרט אויף אים אין דער נאָנטער צוקונפט. זיי פלעגן זיך אַמערסטן אָפּשטעלן אין אַזעלכע ערטער, וואו מען האָט געקענט געפינען אַביסל וואַסער פאַר זיך, פאַר די קינדער און פאַר די אויסגעמאַטערטע שטוב-חיות. דער זומער איז אין יענעם יאָר געוועזן אַן אויסערגעוויינטלעך טרוקענער. דאָס גראָז אויף די פעלדער און לאָנקעס איז אויסגעטריקנט געוואָרן. דאָס וואַסער אין די קליינע טייכלעך און ברונימס איז ביסלעכוויז פאַרשוואונדן געוואָרן. פון דעם קלענסטן פונק פלעגן זיך אָנהויבן שרפות

וואָס האָבן פאַרכאַפּט גאַנצענע שטרעקעס לאַנד: פעלדער מיט תבואה, לאַנקעס מיט פאַרטריקנטן גראָז, סקירדעס מיט תבואה, דערפער און אָפּטמאָל אַפילו איינגעשפּאַנטע פערד און וואָגן וואָס פלעגן אָנהויבן אַרומלויפן ווי משוגענע איבער די ברענענדיקע פעלדער. אַ הייסער, טרוקענער זומער איז דעמאָלט געווען און די זון וואָס ווייסט ניט וואָס אַזוינס מלחמה איז פאַרן מענטשן, האָט אָן אויפהער געטריקנט און אַרויסגעצויגן דאָס לעצטע ביסל פייכטקייט פונעם באָדן. איבער די וואַנדערנדיקע מענטשן האָבן זיך געטראָגן גאַנצענע וואָלקנס שטויב, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין אָפּזעצן אויף אַלסדינג און אויף אַלעמען, איז אַריינגעקראָכן אין די לונגען, האָט פאַרשטאָפּט די נאָזלעכער און האָט אַרויסגערופן פריצייטיקן הוסט בײַ קינדער און שוואַכע.

דער אַרענדאַר וועגן וועמענס אינגל מיר דערציילן דאָ, האָט אַ לאַנגע צייט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן: צי בלייבן אויפן אָרט און איבערוואַרטן ביז וואַנען דער פראָנט וועט מיידן, אָדער ניט וואַרטן אויף גאָרניט, שפּאַנען גלייך פערד אין וואָגן און לאָזן זיך אין דער ווייטער וועלט אַריין. דאָס איינציקע וואָס ער האָט געזען און האָט גוט פאַרשטאַנען איז דאָס, אַז די מלחמה דערנענטערט זיך צו זיין הויף, צו זיינע סטאַדעס, צו די פעלדער, צו דער סאַזשלקע און צום בראָוואַר וואָס איז געשטאַנען אויפן ברעג פון דער סאַזשלקע.

אין די לעצטע טעג פון חודש אויגוסט האָט זיך בײַ אים אין הויף אָפּגעשטעלט אַ גאַנצע אָפּטיילונג מיליטער מיט אָפיצירן מיט די קיכן וואָס זיי האָבן מיטגעפירט, מיט די וועגענער פּראָוויאַנט און סטאַדע קי וואָס זיי האָבן מיטגעטריבן. אויף די אויסגעטריקנטע, אויסגעטראָטענע פעלדער אַרום דעם גוט האָבן זיך אָפּגעשטעלט הימלאָזע, וועלבע זיינען אַרומגעלאָפן זוכן וואַסער פאַר זיך, פאַר זייערע

אויסגעמאַטערטע פערד. ווייל צו אַלע צרות וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט, צום גאַנצן שרעק פון דער אָנגרייפנדיקער מלחמה איז צוגעקומען נאָך איין זאָרג: וואַסער. קיין עסן האָט זיי אין יענע טעג ניט געפעלט; יעדער איינער האָט נאָך עפּעס מיט זיך מיטגענומען. די שטוב-חיות האָבן אפשר מערער געפילט דעם דוחק אין וואַסער ווי די מענטשן. די סטאַדעס קי געטריבענע פון דער אָנקומענדיקער מלחמה, האָבן אין יענע הייסע פאַרנאַכטן געבריוועט אומעטיק אַזוי ווי קראַנקע קינדער. זיי זיינען אַרומגעלאָפן איבער די אויסגעטריקנטע פעלדער, געפאָרשקעט מיט די פאַרשטויבטע נאָזלעכער אַזוי לאַנג ביז וואַנען זיי זיינען געפאַלן איינציקווייז, בלייבנדיק ליגן אויפן צעהיצטן באָדן מיט אויסגעשטרעקטע צונגען. ניט קיין קלענערן רחמנות האָבן אַרויסגערופן די דורשטיקע שאָף. זיי האָבן שטיל געליטן, אָבער אין די אויגן באַ זיי האָט מען אַרויסגעזען אַזוי פיל פּיין, דאָס ס'האָט זיך געדאַכט אַז ווען זיי וואָלטן געקענט ריידן וואָלטן זיי געוויס דערציילט אַ סך מ[illegible]יעריקע געשיכטעס פון דעם וואָס זיי האָבן אַליין איבערגעלעבט אָדער וואָס זיי האָבן געזען. זיי האָבן אָבער אַמערסטן געשוויגן, מחמת צוליב דער גרויסער דאָרשט האָבן זיי קיין רוח ניט געהאַט צו מעקען; נאָר פון ציט צו צייט פלעגט זיך באַ איניקע פון זיי אַרויסרייסן אַ שטילער קרעכצן.

אין דעם זעלביקן פרימאָרגן, ווען באַם אַרענדאַר אין הויף האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ גאַנצע אָפּטיילונג מיליטער, איז דעם אַרענדאַרס אינגל, אַזוי ווי שטענדיק, אַרויס צו זיין באַליבטן אָרט אונטער די ווערבעס. דאָס מאָל איז ער געבליבן דערשטוינט: אנשטאט דעם טיפן וואַסער איז אין דער סאַזשלקע געבליבן אַביסל שיטערע בלאָטע אַין וועלכער ס'האָבן זיך געפּליעסקעט די איבערגעבליבענע פיש. אָבער

ניט נאָר די סאַזשלקע אַליין האָט אויסגעזען פרעמד. די גאַנצע געגנט אַרום האָט אין יענעם פרימאָרגן באַקומען אַ מאָדנעם אויסזען: אויף די פעלדער זיינען געשטאַנען וועגענער מיט היימלאָזע. דעם סאָד און דעם גאָרטן האָבן פאַרנומען די אָפּטרעטנדיקע סאָלדאַטן. אין שאָטן פון די ביימער זיינען געלעגן די עטלעכע איבערגעבליבענע קי מיט זייערע קעלבער; בײַ דער סאַמע וואַנט פון בראָוואַר האָבן זיך צונויפגעפּרעסט אַ צענדליק שאָף און אַביסעלע ווייטער איז געשטאַנען דעם אַרענדאַרס הונט זשוק און האָט אָנגעקוקט דאָס משונה־דיקע בילד, ניט ווייסנדיק וואָס צו טאָן: צי ער זאָל בילן אָדער שווייגן.

דעם אַרענדאַרס אינגל, וואָס איז געווען צוגעוואוינט צו די סטאַדעס קי אַזוי ווי צו אַ טייל פון דער אייגענער משפּחה, האָט איצט מיט ווייטיק צוגעקוקט זיך צו די עטלעכע קי און דעם צענדליק שאָף וואָס איז זיי פאַרבליבן פון זייער פריערדיקן פאַרמעגן. ער איז שוין אָבער געווען גענוג דערוואַקסן אויף צו פאַרשטיין, אַז איצט קומט פאָר עפּעס משונה־דיקס און אַז דאָס בעסטע איז וואַרטן אויף בעסערע צייטן. ער האָט נאָר ניט געפילט ווי לאַנג ער איז אַזוי אָפּגעלעגן אויפן גראָז. פּלוצלונג האָט ער דערהערט עפּעס אַן אויסטערלישן רוישן פונעם וואַסער, ענלעך צו דעם גערויש פון די אַמאָליקע פרילינגדיקע וואַסערן, ווען דער שניי פלעגט צעשמאָלצן ווערן און אַ גאַנצער שטראָם פלעגט זיך אַדורכרייסן אונטער דער בריק. אַ סך מאָל פלעגט עס דאַן אַרויסשפּאַרן מיט אַזאַ האַסטיקייט דאָס עס פלעגט אויסרייסן מיטן וואָרצל גאַנצענע ווערבעס פון ברעג און אַוועקטראָגן זיי מיטן שטראָם.

דאָס אינגל האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך גענומען צוהערן פון וואַנען ס'נעמט זיך דאָס רוישן. לאַנג האָט ניט געדויערט און ער האָט באַמערקט אַז דער אַלקאָהאָל שטראָמט מיט דער גאַנצער קראַפט פון דער וואַנט און פילט ביסלעכ-

וויז אַן די נידעריקע טיילן פון דער אויסגעטריקנטער סאַזשל-
קע. ער האָט זיך פאַרוואונדערט און ניט פאַרשטאַנען נענוי
די סיבה פון דער מאָדנער געשעעניש. ער האָט ניט גע-
וואוסט, אַז איין דער זעלביקן פרימאָרגן האָט דער עלטסטער
אָפיציר פון דער אָפטיילונג סאָלדאַטן וואָס האָט זיך אָפּגע-
שטעלט באַ זיי אין הויף, אָנגעזאָגט שטרענג דעם אַרענדאַר,
ער זאָל אַרויסלאָזן דעם אַלקאָהאָל, ווייל היינט באַנאַכט וועלן
זיי פאַרלאָזן די געגנט און מאָרגן וועט שוין געווים דער בראָ-
וואַר אַריינפאַלן צו די דייטשן אין די הענט. דער אַרענדאַר,
וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געקווענקלט און ניט געוואוסט
וואָס צו טאָן, האָט באַשלאָסן נאָך אין דעם זעלבן פאַרנאַכט
אָפּצופאָרן. ער איז אַוועק צום אויפזעער פונעם בראָוואַר, און
זיי ביידע, מיט דער הילף פון עטלעכע אַרבעטער, האָבן
אַרויסגענומען דעם קראַן דורך וועלכן מ׳האָט פריער גע-
צאַפּט דעם אַלקאָהאָל. ביסלעכווייז האָט דער אויסגערונע-
נער אַלקאָהאָל זיך צונויפגעמישט מיט די רעשטן וואַסער
און אין גיכן האָט די סאַזשלקע כמעט ווי צוריקבאַקומען איר
נאַטירלעכע גרויס און אויסזען. גלייך ווי די פאַרשמאַכטע
פון דאָרשט קי און שאָף האָבן דערהערט דאָס רוישן פון דער
פליסיקייט, האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער סאַזשלקע
און אָנגעהויבן גיריק צו טרינקען. דאָס זעלביקע האָבן גע-
טאָן די עטלעכע איבערגעבליבענע שאָף, און אַפילו דער
הונט זשוק וואָס איז געלעגן אין שאָטן פון דיביימער, שווער
סאָפּנדיק מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג, האָט זיך פויל
אַראָפּגעלאָזט צו דער סאַזשלקע און זיך אָנגעטרונקען.

אין גלייך נאָך דעם ווי די קי און די שאָף האָבן זיך אָנ-
געטרונקען, איז געשען עפּעס אַזוינס וואָס דעם אַרענדאַרס
איינגל האָט עס קיינמאָל פריער ניט באַמערקט, כאָטש ער
האָט זיין גאַנץ לעבן פאַרבראַכט צווישן פעלדער, קי און
שאָף. די קי זיינען אַרום פון דער סאַזשלקע און האָבן זיך אָנ-

געהויבן דרייען הין און צוריק אַזוי ווי שכורים: דערביי האָבן זיי עפּעס מאָדנע געקרעכצט. מען וואָלט געקענט זאָגן אַז זיי פריידיקן זיך. די שעפּסן האָבן זיך אָנגעהויבן איינציקווייז צו דרייען זיך אין אַלע ריכטונגען. די צוויי באַראַנעס האָבן זיך צונויפגעטשעפּעט מיט די הערנער און אַזוי לאַנג געשטופּט איינער דעם אַנדערן ביז וואַנען זיי זיינען ביידע אַריינגעפאַלן אין וואַסער, אָדער בעסער געזאָגט אין אַלקאָהאָל און ערשט דעמאָלט האָבן זיי דערפילט אויף וואָסער וועלט זיי זיינען: זיי האָבן אָנגעהויבן טאַנצן און איבערקערן זיך פּונקט ווי די שכורים אין קרעטשמע און אַפילו דער רואיקער און געלאַסענער זשוטשעק האָט אין יענעם מאָמענט אין גאַנצן פאַרלאָרן זיין געלאַסנקייט. פריער האָט ער זיך אַ צייט געדרייט אין איין קריין, דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אונטער אַ בוים, פאַריסן דעם קאָפּ צו דעם בלויען, זומערדיקן הימל און האָט זיך מעלאַנכאָליש צעבילט, דערמאָנענדיק, ווייזט אויס, די בעסטע צייטן, אָדער באַגלייטנדיק מיט זיין שטימע די טענץ פון די קי און די שאָף.

ווען דעם אַרענדאַרס אינגל איז אַביסל געקומען צו זיך פון דער דערשטוינונג וואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט אין דעם ערשטן מאָמענט, — איז ער אַוועקגעלאָפן אַהיים אָנזאָגן די נייעס דעם פאָטער. ער האָט צו אים אויסגעשריען: „טאַטע, דו ווילסט זען ווי די בהמות טאַנצן, קום גיכער וועסטו זען“. אָבער דער אַרענדאַר איז אין דעם מאָמענט געווען שטאַרק פאַרנומען: ער האָט געפּאַקעוועט די שטוב-זאַכן און אָנגעלאָדן די וועגענער. ער האָט באַשטימט נאָך דעם זעלביקן פאַרנאַכט אָפּפאָרן צוזאַמען מיט נאָך היימלאָזע וועלכע האָבן זיך געגרייט אין וועג אַריין. דערפאַר האָט ער גאָרניט געוואָלט אויסהערן זיין אינגל. ער האָט זיך אָנגעבייזערט אויף אים און אנשטאט גיין זען ווי די בהמות טאַנצן האָט ער זיך צעשריען אויף אים.

דעם אַרענדאַרס אינגל איז דעמאָלט אַוועק צו דעם
פּאַסטעכס אינגל, וואָס איז נעוועזן בעסער באַקאַנט מיט די
זיטן און אויפירונגען פון די בהמות ווי ער. אין גרויס איילע-
ניש האָט ער אים איבערגעגעבן וועגן דער אומגעוויינטלע-
כער פּאַסירונג ווי אַזוי די קי האָבן זיך אָנגעשכורט און זיי-
נען אַוועק טאַנצן, און ר׳האָט אים גערופן אָנקוקן דאָס וואונ-
דער. דעם פּאַסטעכס אינגל איז שוין גראַדע געוועזן פון די
וואָס לאָזן זיך ווייניק בעטן אויף אַזעלכע זאַכן. די ביידע
אינגלעך האָבן זיך געלאָזט לויפן צו דער סאַזשלקע. ווי גרויס
איז אָבער געוועזן זייער דערשטוינונג ווען זיי האָבן געטראָפן
די קי אין אַן אַפּאַטישן צושטאַנד: זיי זיינען געלעגן אינעם
שאָטן פון די ווערבעס און געדרעמלט, אויב מען קען זיך
בכלל אויסדריקן מיט אַזאַ וואָרט בנוגע צו קי אָדער אַנדערע
שטוב-חיות. דאָס זעלביקע האָבן געטאָן די שעפּסן: זיי האָבן
זיך אַלע צונויפגעקוועטשט אין איין קופּע און געבליבן ליגן
שווער סאָפּענדיק דערביי און פּאָכנדיק מיט די צונגען. בלויז
דער הונט זשוק איז געבליבן שטיין מיט אַ פּאַריסענער
מאָרדע און געפּרואווט וואָיען. אָבער ער איז געווען אַזוי
פאַרשלאָפן און דעם טאָן האָט ער גענומען אַזוי נידעריק, אַז
דאָס האָט ניכער אויסגעזען ווי אַ פּישטשען פון אַ מויז איי-
דער ווי אַ וואָיען פון אַ הונט. וועגן זשוקן וואָלט מען זיכער
געקענט זאָגן אַז ער איז שכור, אָבער דערביי האָט ער ניט
פאַרלאָרן זיין גוט-האַלטן זיך, וואָס איז באַ אים געקומען אַלס
רעזולטאַט פון אַ גוטער דערציאונג. דער אָנבליק פון די
שלעפּעריקע שטוב-חיות האָט אַרויסגערופן אַנטוישונג באַם
אַרענדאַרס אינגל און אַנטריסטונג באַ זיין חבר. דער לעצ-
טער האָט זיך פּשוט אויסגעלאַכט פון אי[illegible] און האָט אים גע-
פרעגט מיט בטול און מיט חוזק: „וואו זיינען עפּעס [illegible]יינע קי
וואָס טאַנצן און די שאָף וואָס האָבן ליב דעם טרונק?״ פאַר
אַזאַ שפּאָטישע פראַגע איז ד[illegible]ם אַרענדאַרס אינגל געוואָרן

ביין און געוואַלט ווייזן אים וואָס ער קען. אָבער אַזוי ווי ס'איז
געוועזן זייער הײס, האָט ער זיך פשוט געפוילט מכבד צו
זיין אים מיט אַ פּאָר קלעפּ און האָט דעם ענין אָפּגעליינט
אויף אַ צווייטער געלעגנהייט. באַ זיך אין האַרצן איז ער
פונדעסטוועגן געבליבן זיכער אַז די קי מיט די שאָף האָבן
זיך דעם פרימאָרגן אָנגעשׂבורט. און נאָכער געכאַפּט אַ
טענצל. קיין צווייטע געלעגנהייט אָבער אויף צו קענען דער-
ליידיקן דעם ענין מיט זיין חבר האָט ער שוין אַזוי גיך ניט גע-
פונען. אין יענעם זעלבן פאַרנאַכט האָט דער אַרענדאַר
איינגעשפּאַנט די צוויי בעסטע פערד וואָס זיינען אים גע-
בליבן פון זיין פריערדיקער בעל-הבית'ישקייט, האָט אַרויפ-
געזעצט אויפן וואָגן די פרוי מיט די צוויי קינדער און האָט
זיך געלאָזט אין וויטן אומבאַקאַנטן וועג צוזאַמען מיט נאָך
טויזנטער אַזעלכע ווי ער. ווען זיי זיינען נאָר אָפּגעפאָרן עט-
לעכע קילאָמעטער פון דער הײם, האָבן זיי דערזען ווי עס האָט
זיך אויפגעהויבן אַ געדיכטער רויך, וואָס האָט געשליידערט
פון זיך גאַנצענע בערג מיט פונקען, וועלכע האָבן זיך געריסן
צום פאַרנאַכטיקן הימל. דער אַרענדאַר האָט פאַרשטאַנען,
אַז דאָס איז אַוועק מיטן רויך זיין שטוב, זיינע שייערן, שטאַלן
און סקירדעס היי וואָס זיינען דאָרטן געלעגן. ער האָט אָפּגע-
ווישט אַ טרער מיט זיין מאָזאָליסטער האַנט און האָט אָנגע-
הויבן טרייבן מיט מער אימפּעט די פערד. עס איז ניט געווען
קיין צייט צו וויינען: מען האָט געמוזט פאָרן ווייטער. דעם
אַרענדאַרס אינגל האָט זיך צוגעקוקט צו די סנאָפּעס פונקען
וואָס זיינען געפלויגן אין דער לופטן און אים האָט זיך גע-
דאַכט אַז דאָס טאַנצן די קי מיט די שעפּסן וועלכע ווערן
באַגלייט פון די סקירדעס היי, מיט די שייערן און שטאַלן.
וואָס איז שייך דער פרימאָרגנדיקער סצענע איז ער אויף
שטענדיק געבליבן מיטן געדאַנק, אַז די קי און די שאָף האָ-
בן זיך אָנגעשׂבורט און זיינען געגאַנגען טאַנצן אין אַ קאַראַ-

האָר. שפּעטער, ווען עס זיינען אָנגעקומען מער רואיקע מאָמענטן אין זיין לעבן, האָט ער ניט אויפגעהערט צו באַרימען זיך פאַר זיינע נייע חברים וואָס ער האָט מיט דער צייט געקראָגן, אַז ער האָט אַליין געזען ווי די קי און די שעפּסן האָבן זיך אָנגע־שכורט און געגאַנגען טאַנצן, ווערנדיק באַגלייט מיט זשוקס מוזיק. קיינער אָבער האָט אים ניט געוואָלט גלויבן. די נייע חברים זיינע האָבן געמיינט אַז ער איז אַ לינגער און באַרימער און קלערט אוים זאַכן וואָס זיינען ניט געשטויגן ניט געפלויגן.

דעם 5־טן אויגוסט, 1919.

—:—

מלחמה קינדער

די האַנדלונג קומט פֿאָר אין דעם אָקופּירטן דורך די דייטשן געגנט פֿון ווייסרוסלאַנד, אינעם יאָר 1916. די סצענע שטעלט פֿאָר אַ פֿאַרלאָזענעם און פֿאַרוואַקסענעם גאָרטן הינטער דער שטאָט. הינטערן גאָרטן אַ פֿעלד מיט האַלב-פֿאַרשאָטענע שוץ-גריבער, קברים און גלאַט אַזוי בערגלעך, רעשטן פֿון דער מלחמה. אין ערשטן אויפֿטריט צוויי קינדער, ביידע אָפּגעלאָזענע, פֿאַרוואָקסענע, אָנגעטאָענע אין שמאַטעס. דער עלטערער, חיים, אַ אינגל פֿון אַ יאָר ניין און מאָטעלע, פֿון זיבן יאָר. חיים שטייט אָנגע-שפּאַרט אָן אַ בוים און מאָטעלע זיצט אויף דער ערד.

חיים: — קום, מירן זיך שפּילן אין עפּעס.

מאָטעלע: — אין וואָס ווילסטו זיך שפּילן?

חיים — איך ווייס: אפשר אין זוכן נעסטן מיט פֿייגעלעך; אפשר אין כאַפּן פֿיש.

מאָטעלע: — שאַ. ווייסטו אין וואָס מיר וועלן זיך שפּילן?

חיים: — אין וואָס?

מאָטעלע: — מירן זיך שפּילן אין עסן.

חיים (פֿאַרוואונדערט): — ווי אַזוי שפּילט מען זיך אין עסן? איך האָב נאָך קיין מאָל ניט געהערט פֿון אזא מין שפּיל.

מאָטעלע: — עס איז אַן איינפֿאַכע שפּיל. מיר וועלן זיך

אויסזעצן אויף דער ערד, דערנאָך וועלן מיר פאַרקנעטן ברויט אַזוי ווי די מאַמע פלעגט עס טאָן יעדן ערב שבת.

חיים: — און וואו וועסטו נעמען מעל? ניטאָ קיין מעל מער!

מאַטעלע: — מיר וועלן צונויפמישן זאַמד מיט וואַסער און וועלן מאַכן דערפון ברויטלעך. (רעדט מיט באַגײַסטערונג:) און אַז די חלות וועלן ווערן אויסגעבאַקן וועלן מיר זיי אַרויסנעמען פונעם אויוון און אַריינלייגן אין אַ מולטער. דו ווייסט וואָס איך האָב זייער ליב געהאַט פון די חלות: דאָס געפלאָכטענע פון אויבן; דאָס איז געווען געשמאַקער פון אַלץ. איך פלעג עס איינטונקען אין מילך און עסן.

חיים: — ווייסט וואָס, מאַטעלע, מיר וועלן זיך שוין בעסער שפּילן אין עפּעס אַן אַנדער שפּיל.

מאַטעלע: — אין וואָס פאַר אַ שפּיל?

חיים: — מיר וועלן זיך שוין בעסער שפּילן אין מלחמה. קיין ברויט איז דאָך סיי ווי ניטאָ און מלחמה איז פאַראַן וויפל נאָר דו ווילסט אַליין.

מאַטעלע (זיפצט אָפּ): — פון זינט די מלחמה איז געקומען צו אונז איז ניטאָ וואָס צו עסן.

חיים: — דו געדענקסט דען ווען די מלחמה איז אָנגעקומען צו אונז?

מאַטעלע: — אַוודאי געדענק איך! מיר זיינען דעמאָלט אַלע געזעסן אין אַ קעלער. די מאַמע האָט מיך אַוועקגעזעצט צווישן צוויי פעסער און אָנגעזאָגט ר׳[illegible]אָל בלייבן זיצן שטיל און ניט רירן זיך פונעם אָ[illegible]ר קעלער איז געווען פול מיט אידן, גרויסע און קליינע. אונז, קינדער,

האָט מען ניט געלאָזט ריידן, ניט וויינען, ניט לאַכן. מיר זיינען געזעסן אין איין שרעק און דערווײַלע האָט איבער אונזערע קעפּ אַזוי ווי געדונערט.

חיים: — דאָס האָט מען געשאָסן מיט די גרויסע האַרמאַטן.

מאַטעלע: — מיר אָבער האָבן געמיינט, אַז עס דונערט און אַז עמעצער פֿאָרט מיט גרויסע רעדער איבער אונזערע קעפּ. אַזוי ווי מיר זיינען געזעסן צוגעטוליעטע איינער צום אַנדערן, האָט זיך פּלוצלונג מיין קליין שוועסטערל צעוויינט. די מאַמע האָט זיך דערשראָקן, ווייל די אַלטע אידן האָבן אָנגעזאָגט אַז מען טאָר ניט וויינען. זי האָט זי ארונטערגענומען אונטערן פֿאַרטוך און ניט געלאָזט וויינען. עס זיינען זיך צונויפגעלאָפן אַ סך מענטשן און זיי האָבן אַלע אָנגעהויבן וויזן מיט די פינגער און מאַכן מיט די הענט. זיי האָבן געבעטן די מאַמע אַז זי זאָל מאַכן שטיל די שוועסטערקע. זי האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו וויינען. דעמאָלט האָט די מאַמע גענומען אַ סך קאָלדרעס און שמאַטעס און האָט זי אַזוי איינגעדעקט מען זאָל ניט הערן איר געוויין. אין גיכן איז זי אַנטשלאָפן געוואָרן. דערנאָך זיינען געקומען די דייטשן. איינער אַ הויכער איז אַריין אין קעלער און האָט מיט אַ לאַמטערן אָנגעהויבן צו באַלייכטן אַלע ווינקעלעך. ער האָט עפּעס געשריגן און געוויזן מיט דער האַנט צו דער טיר. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען אַז דאָס זאָגט ער אונז דאָס מיר זאָלן אַרויסגיין פון קעלער. די מאַמע האָט מיך גענומען פֿאַר איין האַנט און די שוועסטערקע האָט זי גענומען אויף דער אַנדערער און מיר זיינען אַרויס פון קעלער. עס איז שוין געווען נאַכט. די שטאָט אָבער האָט נאָך געברענט און עס איז געווען

ליכטיק ווי באַטאָג. פון אונזער שטוב איז נאָר געבליבן דער חויכער קוימען. מיר האָבן ניט געהאַט וואו צו שלאָפן. מיר זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די פאַרבראַנ-טע גאַסן. מיר זיינען אַריין אין אַ סאָד און דאָרטן האָט די מאַמע אויסגעשפּרייט די קאָלדרעס מיט די קליידער און אונז אַוועקגעלייגט שלאָפן.

חיים: — און איך בין דעמאָלט געווען באַם זיידן. מיין זיידע האָט געהאַט גרויסע מילן מיט פליגלען וואָס האָבן זיך געדרייט ווען דער זיידע פלעגט זיי לאָזן. דער זיידע איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט די מילן. ווען ער פלעגט קומען פון דער אַרבעט פלעגט זיין באָרד אויס-זען ווי אַ לאַנגער ווייסער בעזים. די באָבע איז שטענדיק געזעסן באַם פענצטער און געשטריקט. ווען דער זיידע פלעגט אַריינקומען פון גאַס, פלעגט זי אַראָפּנעמען די שפּאַקולן, פלעגט אַ קוק טאָן אויפן זיידן און זאָגן: „ווי איז מיר! ס׳גאַנצע מעל האָט ער געבראַכט צו שלעפּן״.

מאַטעלע: — פון מעל פלעגט די מאַמע מאַכן גוטע לאַט-קעס. פריער פלעגט זי אָנרייבן קאַרטאָפל, פאַרמישן די צעריבענע קאַרטאָפל מיט מעל, צוגיסן זויערמילך און מאַכן לאַטקעס.

חיים: — מיין באָבע פלעגט מאַכן לאַטקעס פון רעטשע-נעם מעל.

חיים: — ווען די מלחמה איז צוגעקומען צום זיידן זיינען די מילן געבליבן שטיין. דער זיידע איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ ריינער באָרד און די באָבע האָט שוין מער ניט געמאַכט קיין לאַטקעס פון רעטשענע מעל. זי האָט אָנ-געהויבן באַקן לאַטקעס פון צעריבענע קאַרטאָפל. דער זיידע האָט גאַנצענע טעג אַרומגעשפּאַצירט איבער

צימער און געקוקט אין דרויסן צו די מילן. איין מאָל
פרייטיק-צו-נאַכט האָט דער זיידע געמאַכט קדוש אי-
בער צוויי גרויסע און שיינע קוילitשן וואָס די באָבע
האָט אויסגעבאַקן. מיר האָבן זיך געזעצט עסן וועטשע-
רע. ווען די באבע האָט דערלאַנגט דעם מערן-צימעס
האָט דער זיידע אָנגעהויבן זינגען זמירות. פּלוצלונג איז
געוואָרן ליכטיק אין ביידע פענצטער. דער זיידע האָט
אופגעהערט זינגען און איז צוגעלאָפן צום פענצטער
פון וועלכן ער האָט אַזוי ליב געהאַט צו קוקן אויף די
מילן. ערשט די מילן האָבן געברענט. איך בין צוגע-
לאָפן צום צווייטן פענצטער און דערזען אַז דאָס גאַנצע
שטעטל ברענט. די באבע האָט פאַרבראָכן די הענט
און אָנגעהויבן פאַקעווען דאָס בעטגעוואַנט. דער זיידע
האָט אויף גיך אָפּגעבענטשט, האָט מיך גענומען פאַר
דער האַנט און מיר זיינען אַוועק. ער האָט מיך אַרויס-
געפירט אויפן פעלד. דאָרט האָב איך געטראָפן אַ סך
אינגלעך מיט זייערע טאַטעס און שוועסטער. מיר האָבן
אויסגעליינט דאָס בעטגעוואַנט און די באבע האָט מיך
איינגעדעקט מיט די קאָלדרעס און געהייסן איך זאָל ליגן
רואיק. איך בין געלעגן און איבער אונז האָבן געפייפט
די קוילן, וועלכע האָבן געסיקעט ווי ווילדע קאַטשקעס.
אַ גאַנצע נאַכט זיינען מיר געלעגן אויפן פעלד. מען
האָט ניט געטאָרט ריידן, מען האָט ניט געטאָרט שרייען
און אַפילו וויינען האָט מען אויך ניט געטאָרט. אויף
מאָרגן אנדערפרי זיינען אָנגעקומען די דייטשן.

מאַטעלע: — און בײַ אונז אין קעלער איז געווען נאָך ערגער:
עס איז געווען אַזוי היים דאָס מען האָט ניט געקענט
עטעמען. וויינען האָט מען אַפילו שטילערהייט אויך
ניט געלאָזט. ווען מיר זיינען איבערגעשלאָפן די נאַכט

אונטער די ביימער האָבן מיר דערנאָך געפונען אַ קיד, וואָס איז געבליבן פון דעם פעטערס שטוב. מיר האָבן זיך באַזעצט אין קיד. אין ניכן איז דער טאַטע געשטאָרבן. מיין עלטערן ברודער האָט מען אַוועקגעטריבן אויף צוואַנגס-אַרבעט. די מאַמע איז אין ניכן קראַנק געוואָרן. מען האָט זי צוגענומען אין שפּיטאָל און פון דאָרטן איז זי שוין מער ניט אַרויס.

חיים: — דער זיידע איז אין ניכן געשטאָרבן. גאַנצענע טעג פלעגט ער שטיין באַם פענצטער און קוקן צום אָרט וואו די מילן זיינען פריער געשטאַנען. ער האָט אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך זיי דאָס אין ניכן איז ער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. די באָבע האָט נאָך געלעבט עטלעכע חדשים. זי איז געלעגן אויפן בעט און גערעדט צו זיך: „אַ מענטש אַ ביסל, אין גאַנצן פול מיט מעל. ער היט גאָרניט זיינע מלבושים.“ זי האָט אַזוי לאַנג גערעדט ביז וואַנען זי איז געשטאָרבן. פון דעמאָלט אָן האָב איך קיינעם ניט: ניט קיין ברודער, ניט קיין שוועסטער, ניט קיין העמד און ניט קיין שוך.

2-טער אויפטריט. — די זעלבע און יצחק, אַ אינגל פון אַ יאָר דרייצן. ער קומט צו לויפן אַ פאַרסאַפּעטער, האַלטנדיק אין איין האַנט אַ גראָב-אייזן און אין דער צווייטער דאָס היטל. בלייבט שטיין און קוקט זיך אום אויף אַלע זייטן ווי אַ פאַריאָגטע חיה.

חיים און מאָטעלע (ביידע מיטאַמאָל, רופן אויס): — פון וואַנען ביזטו געקומען?

יצחק (קוקט זיך אום מיט שרעק און אומצוטרוי אין אַלע זייטן): — די דייטשן קומען אַהער?

חיים: — דייטשן! פון וואנען זאָלן זיך דאָ נעמען דייטשן?

מאָטעלע: — פאַר וועמען האָסטו מורא?

יצחק: — היינט אין דער פרי האָט מיך די מאַמע געשיקט אין פעלד אַריין איך זאָל אָנגראָבן אַביסל קאַרטאָפל. בין איך אַוועק הינטער דער שטאָט, דאָרטן באַם גרויסן וועג, וואו מיר האָבן פאַרזעצט אַ שטיקל פעלד מיט קאַרטאָפל און האָב אויף גיך אָנגעגראָבן אַ האַלב זעקל, פאַרוואָרפן עס אויף דער פלייצע און געמיינט וואָס גיכער אַוועקגיין אַהיים. איך האָב נאָך ניט באַוויזן אָפּ-צוגיין עטלעכע טריט ווי איך האָב דערהערט אַ געשריי: האַלט! איך בין געבליבן שטיין און דערזען ווי עס זיינען אָנגעקומען אַ פופצן מאַן אַרבעטער באַגלייט פון צוויי דייטשן. איינער פון זיי איז געבליבן מיט די אַנדערע אַרבעטער און דער צווייטער איז צוגעגאַנגען צו מיר, האָט באַ מיר צוגענומען דאָס זעקל מיט קאַרטאָפל און האָט מיך אַוועקגעטריבן צוזאַמען מיט די איבעריקע אַרבעטער צו דער אַרבעט. מיר זיינען געקומען צום טייך. דאָרטן האָט מען אונז געהייסן גראָבן גריבער און אַריינשלעפּן אין זיי די טויטע פערד און קי וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אומעטום אויפן ברעג טייך. די צוויי דייטשן זיינען געשטאַנען מיט די ביקסן און אַכ-טונג געגעבן מיר זאָלן ניט אַנטלויפן. עס איז געווען היים און דושנע. דער ריח האָט געשלאָגן צום האַרצן. מער פון אַלץ האָב איך זיך געשראָקן פאַר די גרויסע בלויע-פליגן וואָס זיינען אַרומגעפלויגן און געזשומעט עפּעס אַזוי מאָדנע און אָנשרעקנדיק.

חיים: — ווי אַזוי זשע ביזטו אַנטלאָפן?

יצחק: — מיר האָבן געאַרבעט באַם טייך. אויפן ברעג וואַקסן אַ סך ביימער און קוסטעס. איינער פון די אַרבעטער

וואָס האָט געהאַלטן אין גראָבן אַ גרוב באַם סאַמע טייך, איז פּלוצלונג אַרויסגעשפּרונגען פונעם גרוב און אַריינ-געקייקלט זיך אין טייך אַריין. ער איז גלייך אַוועקגע-שוואומען צום צווייטן ברעג. די דייטשן האָבן אַראָפּגע-כאַפּט די ביקסן און אָנגעהויבן שיסן, אָבער זיי האָבן אים שוין גאָרניט געקענט טאָן: ער איז דערווײַלע שוין געהאַט דערשוואומען ביז דעם צווייטן ברעג. ווי איך האָב נאָר דערזען אַז די אויפזעער זיינען פאַרנומען מיט קוקן צום טייך, האָב איך געכאַפּט דעם גראָב-אייזן און האָב אָנגעהויבן לויפן און באַהאַלטן זיך צווישן די גע-דיכטע קוסטעס און ביימער. אַזוי האָב איך זיך אַרום-געדרייט איבערן וואַלד הין און צוריק ביז וואַנען איך בין אין גאַנצן אַנטלאָפן פון זיי. און יעצט מעג מען מיך אַפילו הרג׳ענען צום טויט, איך וועל זיך שוין מער ניט אומקערן צו זיי.

מאָטעלע: — איך וויל עסן! איך בין אַזוי הונגעריק!

יצחק: — נישט געזאָרגט, חברה! מיר וועלן ניט שטאַרבן פון הונגער.

חיים: — איר ווייסט וואָס: איך האָב אַ פּלאַן ווי אַזוי צו געפי-נען עסן פאַר אונז. ניט לאַנג, מיט עטלעכע טעג צוריק, האָבן די עסטרייכער פאַרלאָזן אַ גרוסן שייער וואָס גע-פינט זיך אויף יענער זייט פון סאָד. דאָרט קען מען גע-פינען עפּעס וואָס צו עסן. אַז זיי נייען אַוועק פאַרגעסן זיי שטענדיק עפּעס: אמאָל אַ ברויטל, אַמאָל אַביסל צוקער און עס טרעפט אַפילו דאָס זיי פאַרגעסן זאַלץ אויך.

יצחק: — אויב אַזוי, מאָטעלע, וויין ניט. איך וועל גיין און וועל עפּעס ברענגען צום עסן. איר זאָלט דאָ וואַרטן אויף מיר. אויב עס וועלן קומען נאָך קינדער פון שטאָט

זאָלט איר זיי זאָגן זיי זאָלן וואַרטן אויף מיר. איך האָב אַ פּלאַן פאַר אונז אַלעמען. (יצחק גייט אָפּ).

דריטער אויפטריט. — יצחק אין אַ גרויסן, פאַרלאָזענעם שייער. איבערן דיל אָנגעוואָרפן שטרוי צעריסענע זעק, פאַר-שיידענע כלים. יצחק נישטערט און זוכט צווישן שטרוי, אין די ווינקעלעך, אונטער די ברעטער און אונטער די ווענט. די זאַכן און מכשירים וואָס ער געפינט לייגט ער אָפּ אין אַ זייט. אין אַ ווינקעלע געפינט ער א קופּערנעם טאָפּ און רופט אויס: דאָס וועט געווים צונוץ קומען! אין דעם וועלן מיר צוגרייטן דאָס עסן! אין אַ צווייט אָרט, צווישן שטרוי און צעריסענע שמאַטעס געפינט ער א זעקעלע מיט צוקער. ער ווערט באַ-גייסטערט און רופט אויס: דאָס איז דאָך אַ גאַנצער אוצר! ער לייגט אַריין די אַלע געפונענע זאַכן אין איין גרויסן זאַק און וויל שוין פאַרלאָזן דעם שייער. באַם אַרויסגאַנג בלייבט ער שטיין א פאַרטראַכטער: „צו וואָס טויגן מיר די אַלע זאַכן אויב קיין ברויט האָב איך ניט געפונען? וואָס וועל איך זאָגן מאַטעלען אז ער וועט מיך בעטן אַ שטיקל ברויט? און מיט וואָס וועל איך זיך קענען פאַרענטפערן פאַר חיים׳ען? איך האָב זיי דאָך צוגעזאָגט ברענגען ברויט און קיין ברויט האָב איך ניט". ער לייגט אַוועק דעם זאַק מיט די זאַכן באַם אַריינ-גאַנג פונעם שייער, קערט זיך אום און הויבט אָן נישטערן אויף דאָס ניי. פּלוצלונג גיט ער אַ שפּרונג אונטער מיט אַ געשריי: „געפונען! געפונען! אַ גאַנצער ברויט!" ער נעמט אַרויס דאָס ברויטל פונעם רוקנזאַק אין וועלכן ס׳ליגט איינגע-בונדן, טראָגט עס צום מויל און הייבט עס אָן קושן און גלעטן אַזוי ווי א לעבעדיק באַשעפעניש. אין איין האַנט נעמט ער דאָס זעקל מיט די געשיר, אין דער צווייטער דאָס ברויטל און גייט אָפּ אונטערשפּרינגענדיק און צוזינגענדיק. אָפּגייענדיק

עטלעכע טריט שטעלט ער זיך אָפּ, נעמט אַרויס דאָס ברויטל און בלייבט אַ ווײַלע שטיין אַ פֿאַרטראַכטער. נאָך קווענקלען זיך און איבערלייגן זיך אַ ווײַלע כאַפּט ער דאָס ברויטל און גיט אַ שטאַרקן ביס. ער שלינגט דאָס אָפּגעביסענע שטיקל ברויט כמעט ווי ניט צעקײַטערהייט, און רעדט צו זיך: „איך געדענק שוין גאָרניט דעם טאָג ווען מיר האָבן אין דער היים געהאַט אַזאַ ברויטל. אַמאָל, פֿאַר דער מלחמה, פֿלעגט די מאַמע באַקן ברויט פֿון ריינעם מעל און איצט מישט זי אַרײַן שאָלעכץ פֿון קאַרטאָפֿל, פּאָלאָווע, שטרוי און גראָז. אונזער ברויט איז קלעפּיק ווי דזשעגעכץ און פֿאַרדאַלט זיך צווישן די ציין און נאָכן עסן ברענט אונטערן האַרצן, אַזוי ווי מיט פֿײַער. ער נעמט ווידער אַרויס דאָס ברויטל וואָס ער האָט עס שוין געהאַט באַהאַלטן אין זאַק מיט די איבעריקע זאַכן און בײַסט דערפֿון אָפּ נאָך עטלעכע ביס. פֿון הונגער און אויפֿרעגונג באַווײַזט ער כמעט ניט צו צעקײַען. אין מיטן דערינען בלייבט ער שטיין, לייגט אַוועק דעם זאַק מיט די געפֿונענע זאַכן אויף דער ערד און פֿאַרטראַכט זיך. „וואָס טו איך! גאָט וועט דאָך מיך באַשטראָפֿן דערפֿאַר! איך האָב דאָך צוגעזאָגט ברענגען ברויט פֿאַר מאָטעלען מיט חיים׳ען און דערווײַלע האָב איך שוין באַלד אַליין אין גאַנצן אויפֿגעגעסן. פֿאַר מיר וועט דאָך מײַן מאַמע צוגרייטן עפּעס עסן און מאָטעלע האָט דאָך קיינעם נישט. גאָט וועט מיך געוויס באַשטראָפֿן פֿאַר דער זינד וואָס איך באַגיי.“ דערווײַלע נעמט ער אַרויס דאָס ברויטל און בײַסט אָפּ נאָך אַ ביס. בלייבט ווידער שטיין און רעדט מיט מער ענערגיע „וואָס טו איך! איך נעם דאָך צו דעם לעצטן ביסן בײַ זיי פֿון מויל. זיי וועלן דאָך שטאַרבן פֿון הונגער. וואָס וועלן זיי עסן, אויב איך וועל זיי מיטנעמען אין וואַלד אַרײַן.“ דערווײַלע בײַסט ער אָפּ נאָך עטלעכע ביסן, טראָגט דערנאָך צו דאָס ברויטל צום מויל און רעדט צו זיך: כאָטש נאָך אַ פּאָר ביסן, ניט מער ווי צוויי קליינע ביסעלעך

און ס׳וועט זיין געגנג!״ פלוצלונג אָבער דערוועקט זיך אין אים דאָס געוויסן מיט אַזאַ שטאַרקייט דאָס ער כאַפּט דאָס ברויטל, וואַרפֿט עס אַריין אין זעקל און הויבט אָן צו לויפֿן מיט אַזאַ אײַלעניש אַזוי ווי עמעצער זאָל אים געוועזט האָבן פֿאַרפֿאָלגן.

פערטער אויפטריט. — יצחק און די אַנדערע צוויי אינגלעך וועלכע זיצן אויפֿן גראָז און שפּילן זיך. יצחק קומט צו לויפֿן א פֿאַרשוויצטער, אַ פֿאַרסאָפּעטער, האַלטנדיק אין איין האַנט דעם זאַק מיט די געפֿונענע זאַכן און אין דער צווייטער דאָס ברויטל, וועלכן ער הויבט אין דער לופֿטן. ער שרייט אוים: „קינדער, ניט געזאָרגט! מיר וועלן פֿון הונגער ניט שטאַרבן. איך האָב געפֿונען אַ גאַנצן ברויטל״ (אביסל פארשעמט):

„איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטן: כ׳האָב אָפּגעביסן עטלעכע ביסן פֿון ברויטל. דאָס ברויט איז אַזוי זיס און געשמאַק דאָס איך געדענק שוין ניט ווען איך האָב אַזאַ געשמאַקן ברויט געגעסן!״

מאַטעלע: — און מיר האָבן זיך דאָ געשפּילט אין עסן. איך האָב פֿאַרמישט מעל, אַריינגעטאָן אַביסעלע הייזון, חיים האָט געמאַכט אַן אויוועלע און מיר האָבן אָפּגעבאַקן חלה אויף שבת. דערנאָך האָבן מיר אָנגעריסן באַרנעס און געמאַכט גוטן קאָמפּאָט.

(**יצחק** צעטיילט דאָס ברויטל אויף צווייען און ניט יעדן איינעם פֿון די קינדער זייער גלייכן חלק).

מאַטעלע (כאַפּט צו דאָס שטיקעלע ברויט, בלייבט אַ ווײַלע שטיין, קווענקלט זיך און ווייסט ניט וואָס צו טאָן. קייט זשעדנע, כמעט ווי שלינגענדיק ניט צעקייטערהייט. רופֿט אוים מיט באַגייסטערונג): — אוי, מאַמעלע, אמת׳ער ברויט!

חיים (קײַענדיק זיין חלק ברויט מיט מער געלאַסנקייט): — וואו האָסטו עס געפונען?

יצחק: — איך דעם זעלבן שײַער וואָס דו האָסט מיר אָנגעוויזן. ווען די עסטרײַכער זײַנען אַוועק האָבן זיי פאַרגעסן אַ סך זאַכן. איך האָב אַ פולן זאַק מיט אַ גאַנצער בעל-הביתישקייט: אַ טעפּל צום קאָכן, אַ לעפל צום עסן, אַ בלעכענעם טעלער, אַ זעקעלע מיט צוקער און אַ פּעקעלע זאַלץ.

מאַטעלע: — ווייז כאָטש אַ קוק טאָן דעם צוקער. איך וועל עס ניט פאַרזוכן, איך וויל נאָר זען ווי עס זעט אויס.

יצחק (עפנט אויף דאָס זעקעלע. די קינדער קוקן זיך איין אויפמערקזאַם).

חיים: — דאָס איז ניט קיין צוקער. דאָס איז געל און צוקער דאַרף זיין ווייס.

יצחק: — דאָס איז געלער צוקער. רייסט אָן מערן, וועלן מיר אָפּקאָכן אויף שבת אַ צימעס וואָס אַזאַ האָט איר אַפילו בײַ דער מאַמען ניט געגעסן.

לעצטער אויפטריט. — די זעלבע און נאָך צוויי קינדער. זיי קומען צו לויפן פאַרשוויצטע, פאַרסאָפּעטע און גיבן זיך אַ צי אויס אויפן גראָז.

חיים: — פון וואַנען קומט איר?

דער עלטערער אינגל, פון אַ יאָר צוועלף, יעקב, איז אָנגעטאָן אין פאַרהעלטעניסמעסיק גאַנצע זאַכן. ער רעדט לאַנגזאַם).

יעקב: — היינט אין דער פרי בין איך געגאַנגען מיטן זיידן

— פון שול. מיטאַמאָל איז אונז אַנטקעגן אָנגעקומען אַ דייטש און באַפוילן איך זאָל גיין מיט אים צו דער אַר-בעט. דער זיידע האָט קוים מיט צרות זיך אָפּגעבעטן בא אים ער זאָל אונז לאָזן גיין אַהיים אָפּעסן. איך האָבן אָבער ניט געוואַרט ביז ער וועט ענדיקן זיין וואַרמעס. כ׳האָב זיך אַרויסגעגנב׳עט דורכן פענצטער און בין אַנטלאָפן. אין גאַס האָב איך געטראָפן בערלען און אים מיטגערופן מיט זיך (ווענדעט זיך צו יצחק׳ן): און וואָס וועלן מיר יעצט טאָן?

יצחק: — איך ווייס אַליין ניט, אָבער צוריק אַהיים וועל איך אַזוי גיך ניט גיין.

חיים: — און איך אַודאי ניט. איך האָב ניט קיין היים.

מאַטעלע: — איך וועל גיין צוזאַמען מיט אייך: וואוהין איר וועט גיין, וועל איך אויך מיטגיין.

יצחק: — ווייסט איר וואָס, קינדער, איך האָב אַ גוטן פּלאַן. הערט זיך נאָר איין מיט קאָפּ. וואָס דאַרפן מיר דאָ זיצן און וואַרטן ביז וואַנען דער דייטש וועט קומען און וועט אונז אַוועקטרייבן צו דער אַרבעט. קומט, מיר וועלן בעסער אַלע אַוועקגיין אין וואַלד און דאָרטן פאַרבלייבן ביז סוף זומער.

די איבעריקע קינדער: (רופן אויס פאַרוואונדערט) — אינעם וואַלד אַריין גאָר?!

מאַטעלע: — און וואָס וועלן מיר עסן אין וואַלד?

יצחק: — וועגן עסן זאָלסטו ניט זאָרגן. קיין עסן וועט אונז ניט פעלן. אויף די פעלדער איז שוין פאַראַן קאַרטאָפל; אין די פאַרלאָזענע סעדער ווערן שוין צייטיק עפּל מיט באַרנעס און אין וואַלד גופא איז איצט די בעסטע צייט

פון שוואַמען מיט יאַגעדעס. ווילט איר ניין צוזאַמען
מיט מיר אין וואַלד אַריין?

די קינדער (שרייען אויס אַלע מיט איין מאָל): — מיר ווילן!
מיר ווילן!

יצחק: — מיר וועלן מאַכן אַ געצעלט און זיך באַזעצן אין אים.

מאַטעלע: — און וואָס וועלן מיר טאָן אַז ס׳וועט רעגענען?

חיים: — מיר וועלן מאַכן פייער און זיך וואַרעמען בײַ אים.

מאַטעלע: — ווי אַזוי קען מען מאַכן פייער אָן שוועבעלעך?

יצחק (צעלאַכט זיך): — אַ גרויסע קונץ צו מאַכן פייער. מ׳נעמט
אַ פּאָר שטיינדלעך און מען קלאַפּט זיי איינס אין אַנדערן.
אונטער די שטיינדלעך לייגט מען אָן טרוקענעם מאָך
מיט צווייגעלעך. די פונקען פאַלן אַזוי לאַנג אויפן מאָך
ביז וואַנען ער צינדט זיך אָן און ס׳ווערט פייער. דערנאָך
אַז מען האָט שוין דאָס פייער קען מען אים אויסבאַהאַל-
טן פון איין מאָל אויפן צווייטן. וואָס-זשע בלייבט,
קינדער? מיר גייען? אויב ניין, דאַרף מען זיך שוין קלייבן
אין וועג אַריין.

די קינדער הויבן זיך אויף פונעם גראָז. יצחק נעמט דאָס
זעקעלע צוקער. מאַטעלע פּילט אָן די קעשענעס מיט באַר-
נעס און עפּל. די גאַנצע גרופּע קינדער גייט אָפּ אין דער
ריכטונג צום וואַלד.

סעפּטעמבער, 1936.

—:::—

דאָס בלימעלע פֿון גליק

א שטיבעלע אויף די בערג. אַרום־שטיבעלע אַ גערטעלע מיט בלומען. דורך דעם אָפֿענעם פֿענצטער זעען זיך אַרוים הויכע בערג מיט אייביקן שניי אויף זייערע שפּיצן. אונטן זעען זיך אַרוים טאָלן מיט בלומען. באַם פֿענצטער זיצן צוויי קינד־ער: בנימין, אַ אינגל פֿון א יאָר צוועלף און דבורהלע, זיין שוועסטערל, אַ מיידעלע פֿון א יאָר צען

בנימין (שטעלט זיך אויף און קוקט צו די שפּיצן בערג, צו די טאָלן און ווייטע בלויע הימלען): — „וואָס פֿאַרא שווערן ווינטער מיר האָבן עס געהאַט! אַלע וועגן און שטעגעלעך זיינען געווען פֿאַרשאָטן מיט שניי און אַלע טאָלן זיינען געווען אויסגעגליכט. דער טייך איז געלעגן איינגעשמידט און מיר האָבן געמיינט אַז אַזוי וועט עס שוין בלייבן אייביק. און דאָך איז געקומען דער פֿרילינג! קוק זיך איין, שוועסטער, וואָס פֿאַראַ וועלט מיט בלומען. די טאָלן, די ברעגן פֿון טייך, אַלצדינג איז באַדעקט מיט בלומען. און איבער די טעפּיכער מיט בלומען זשומען בינען און קלייבן פֿריילעך דעם זאַפֿט פֿון זיי. און־דאָרט העכער איבער די בלומען, בערג מיט שניי און אויף זייערע שפּיצן זיצן גרויסע אָדלערס און ווי טרייע שומרים היטן זיי די ווייטקייט (זיפֿצט אָפּ). מיר זיינען אָבער געבליבן איינע אַליין אויף די בערג: דער טאַטע איז אַוועק זוכן דאָס בלימעלע פֿון גליק און האָט אונז איבערגעלאָזן אַליין צווישן די בערג, בלומען און שניי.

דבורה׳לע: — פֿאַרשאָלטן בלימעלע! צוליב איר מוזן מיר דאָס ליידן אַזוי פֿיל. צי דען פֿעלן בלומען אין אונזער איינענעם גאָרטן, מיר זאָלן נאָך דאַרפֿן גיין זוכן בלומען אין די ווייטע לענדער אַריין! פֿאַרשאָלטן בלימעלע!

בנימין: — היילִיק בלימעלע! דער וואָס וועט עס געפֿינען וועט ברענגען גליק פֿאַר אַלעמען. קיינער וועט שוין דעמאָלט מער ניט מלחמה האַלטן און די מאַמעס וועלן מער נישט באַוויינען זייערע קינדער און די זין וועלן מער נישט פֿאַרלאָזן זייערע מאַמעס!

דבורה׳לע: — און ווער ווייסט צי דאָס אַלעס וואָס דו זאָגסט איז אמת?

בנימין: — דער טאַטע האָט קיין מאָל ניט געפּרעגט צי אַזאַ בלימעלע עקזיסטירט אָדער נישט. ער האָט קיין מאָל ניט געצווייפֿלט און האָט שטענדיק געגלויבט.

דבורה׳לע: — וואָס האָט ער דיר געזאָגט איידער ער איז אַוועק זוכן דאָס בלימעלע?

בנימין: — ער האָט מיר געזאָגט אַז טויזנטער יאָרן זוכן די מענטשן דאָס בלימעלע, אָבער זייער אַ קאַפּריזנע בלימעלע איז עס: ווען מען דערזעט עס אויפֿן באַרג און מען וויל זיך דערנענטערן דערצו, ווערט עס מיטאַמאָל פֿאַרשוואונדן און באַווייזט זיך אויף דאָס ניי אין אַ צווייטן פּלאַץ, ערגעץ אין טאָל; פֿון טאָל פֿאַרקריכט עס אין געדיכטן וואַלד און קיינער קען נישט צוקומען דערצו.

דבורה׳לע: — און וואָס נאָך האָט דיר דער טאַטע געזאָגט וועגן בלימעלע?

בנימין: — ער האָט מיר געזאָגט, אַז יעדער איינער זוכט עס אויף זיין שטיינער און דאָס ביסעלע גליק וואָס מענטשן

האָבן איז נאָר אַ דאַנק דעם וואָס זיי זוכן דאָס בלימעלע פון גליק און גלויבן דערין. אָבער אָפטמאָל טרעפט אַז מענטשן פאַרנעמען דאָס אַזאַ בלימעלע איז פאַראַן אויף דער וועלט און דעמאָלט ווערט אין גאַנצן פינצטער און דאָס בלימעלע פאַרשעמט זיך און באַהאַלט זיך נאָך מער פון מענטשנס אויג.

דבורה־לע: — און ער האָט דיר קיין מאָל ניט געזאָגט ווי אַזוי מען קען צוקומען צו דעם?

בנימין: — נאָר איין מאָל האָט ער מיר געזאָגט: „בלויז מיט אַ ריין האַרץ און מיט ליבע צו דער וועלט און צום מענטשן, קען מען דערגרייכן דאָס בלימעלע פון גליק".

דבורה־לע: — און איך האָב מורא! צוליב דעם פאַרשאָלטע־נעם בלימעלע זיינען מיר געבליבן איינע אליין אויף דער וועלט. די גרויסע אָדלערס אויף די שפּיצן בערג טשאַטעווען אויף אונז און שטענדיק דאַכט זיך מיר, אַז אָט באַלד וועלן זיי זיך אַראָפּלאָזן, וועלן אויספּיקן אונזערע אויגן און וועלן אַרויסרייסן אונזערע הערצער.

בנימין: — אויב אַזוי, טאָ האָבן מיר דאָך ניט וואָס צו בלייבן דאָ. קום, שוועסטערל, מירן זיך לאָזן אין דער וועלט אַריין, אפשר וועלן מיר געפינען דאָס בלימעלע פון גליק.

דבורה־לע: — דו האָסט דאָך אָבער אַליין נאָר וואָס געזאָגט, אַז שוין טויזנטער יאָרן זינט מען האָט עס אָנגעהויבן זוכן און מען האָט עס אַלץ ניט געפינען.

בנימין: — דערפאַר אָבער שטעל זיך פאָר, אַז מיר וועלן גע־פינען דאָס בלימעלע פון גליק, ווער וועט זיך קענען גלייכן מיט אונז? די גאַנצע וועלט וועט דעמאָלט ווערן אַזוי שיין ווי אונזער איינגענער גערטעלע מיט די בלומען. מיר וועלן דעמאָלט ברענגען גליק פאַר אַלעמען און

אַלע וועלן זיך פרייען מיט אונז. מאַמעס וועלן אונז שטעלן אַלס ביישפּיל פאַר זייערע קינדער און טאַטעס וועלן בענטשן זייערע קינדער מיט אונז!

דבורה׳לע: — אויב אַזוי, וועל איך גיין מיט דיר צוזאַמען. קום, ברודער.

בנימין: — קום, טייערע שוועסטער, אין דער ווייטער וועלט אַריין, נאָך דעם בלימעלע פון גליק (ביידע טוען זיך אָן, געזעגענען זיך מיט זייער שטיבעלע און גייען אָפּ).

צווייטער אויפטריט. — באַנאַכט אויף די בערג. אַ פייער.

אַרום פייער אַ גרופּע פּאַסטעכער. אַן אַלטער פּאַסטעך שטייט אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן. די איבעריקע פּאַסטע-כער זיצן אַרום פייער. אַביסל ווייטער שאָף, הינט און נאָך ווייטער בערג אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט.

דער אַלטער פּאַסטעך: — ברענגט נאָך האָלץ. לאָזט ניט אָפּ דאָס פייער. די נעכט זיינען נאָך גענוג קאַלטע!

אַ יונגער פּאַסטעך: — מען דאַרף זיין פּאָרזיכטיק, ברידער, וועלף האָבן זיך באַוויזן אין די בערג. היינט באַגינען, ווען איך בין צוגעקומען צום וואַסער האָב איך דערזען ווי אַ וואָלף שלעפּט אַ שעפּעלע און דאָס אָרעמע שע-פּעלע שרייט, רייסט זיך מיט אַלע כוחות פון זיינע ציין, וויל, נעבעך, צוריק צו דער מאַמען. איך האָב אַ כאַפּ-געטאָן אַ שטיק האָלץ און האָב זיך אַ לאָז געטאָן צום וואָלף. אָבער איך האָב אים שוין ניט געקענט דעריאָ-כן: ער האָט עס שוין אַוועקגעשלעפּט אין וואַלד אַריין!

אַ צווייטער פּאַסטעך: — די הויפּטזאַך, ניט אָפּלאָזן דאָס פייער. די ווילדע חיות האָבן מורא פאַרן פייער און פאַלן ניט אָן.

אַ דריטער פּאַסטעך: זאָלן נאָר די וועלף פּרואוון צוקומען

נעגמער. מיר וועלן זיי אזוי אויפנעמען דאס זיי וועלן שוין מער ניט וואגן דערנענטערן זיך צו אונז.

דער אלטער פאסטעך: — קינדער! ברענגט נאך האלץ און האלט אונטער דאס פייער, וועט עס אונז באשיצן פון די וועלף און וועט אויך נישט צולאזן צו אונז קיין ביי-זע מענטשן.

די זעלבע און ביידע קינדער, בנימין און דבורה'לע, וועלכע באווייזן זיך פלוצלונג ביידע פון דער נאכט-פינצטער-ניש. ביידע צוזאמען: „גוטן אוונט אייך, גוטע מענטשן!"

די פאסטעכער: — גוטן אוונט! ווער זייט איר, טייערע קינדער און וואס זוכט איר דא אין אזא שפעטער שעה?

בנימין: — מיר זוכן א בלימעלע! דאס בלימעלע פון גליק זוכן מיר!

אלע פאסטעכער (רופן אוים מיט אמאל, פארוואונדערט): — דאס בלימעלע פון גליק!

דער אלטער פאסטעך: — אין מיטן נאכט זוכט איר בלומען? אלץ שלאפט איצט: די בלומען, די בערג, די וואסערן, שלאפן יעצט. נאר די ווייטע שטערן וואכן איבער אונז אלעמען.

בנימין: — אלעס שלאפט בא נאכט, אבער ניט דאס בלימעלע פון גליק, וועלכע ווערט קיין מאל ניט אנטשלאפן...

דבורה'לע: — א גאנצן פרילינג גייען מיר אום איבער די בערג און טאלן און זוכן דאס בלימעלע פון גלק.

א יונגער פאסטעך: — בא אונז אויף די בערג וואקסן א סך בלומען. ווי נאר עס צעגייט דער שניי הייבן אן ארויס-שפראצן די ערשטע פרילינגס-בלימעלעך; שפעטער אביסל צעבליען זיך די ליליעס.

דבורהלע: — קיין ליליעס זוכן מיר ניט אַזעלכע בלימעלער וואַקסן בײַ אונדז אין גערטעלע.

בנימין (מיט ענטוזיאַזם): — האָט איר נאָר קיין מאָל נישט געהערט אַז עס איז פֿאַראַן אַ בלימעלע פֿון גליק?

דער יונגער פּאַסטעך: — דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן קומט מיר אויס צו הערן וועגן אַ בלימעלע מיט אַזאַ מאָדנעם נאָמען.

דער אַלטער פּאַסטעך: — ווײַזט אויס, אַז אַזאַ בלימעלע האָט נאָך ניט צעבליט.

בנימין: — פֿאַר וואָס?

דער אַלטער פּאַסטעך: — ווײַל די מענטשן זײַנען נאָך ניט גליקלעך.

בנימין: — עס קען ניט זײַן! דאָס בלימעלע בליט שטענדיק. מיר ווייסן אָבער ניט וווּ עס וואַקסט און מיר קענען ניט געפֿינען דעם געהעריקן וועג דערצו.

דער אַלטער פּאַסטעך: — שוין נאָענט צו אַכציק יאָר ווי איך טרײַב אַרום מײַנע סטאַדעס איבער די בערג און טאָלן; שוין באַלד אַכציק ווינטערס און ניט ווייניקער פֿרילינגס האָב איך פֿאַרבראַכט דאָ אויף די בערג און אין די טאָלן און אין גיכן וועל איך אַוועקגיין רוען אונטן, אונטער יענע ביימער וואָס וואַקסן אין טאָל. יעדן פֿרילינג האָבן מײַנע אויגן אויף דאָס נײַ געהאַלטן אין איין קוקן און ניט געקענט זאַט אָנקוקן זיך מיט דעם וואונדערבאַרן טעפּיך פֿון אַלערלײ בלומען און געוויקסן, אָבער קיין מאָל האָב איך ניט געהערט פֿון אַזאַ מין בלימעלע וואָס זאָל הייסן „דאָס בלימעלע פֿון גליק“. צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן הער איך עס. דערווײַל איז שוין שפּעט! עס איז שוין צײַט צו גיין שלאָפֿן. מאָרגן

נאַנץ פרי, ווען די זון וועט זיך אָפּשפּיגלען פון די ווײַסע בערג-שפּיצן, וועט איר אַראָפּגיין אין טאָל אַרײַן, אפשר וועלן זיי אײַך דאָרטן קענען דערציילן עפּעס וועגן דעם בלימעלע פון גליק! מיר קענען עס ניט! מיר דאַרפן עס ניט. מיר פילן זיך גליקלעך אויף אונזערע בערג און מיר זוכן נים קיין בלימלעך פון גליק.

(שטילער נעזאַנג. די פּאַסטעכער לייגן זיך אוים באַם פייער. די קינדער לייגן זיך צוזאַמען מיט די פּאַסטעכער באַם פייער).

דריטער אויפטריט. — אין אַ קוזניע אינעם טאָל. שמידן שטייען באַם פייער מיט די האַמערס אין די הענט און שמידן דאָס אייזן. פונקען פליען אין אַלע זייטן.

דער עלטערער שמיד: — שנעלער, שנעלער! שמידט דאָס אייזן כל-זמן ס׳איז צעגליט.

אַ יונגער שמיד: — מער פייער! שטאַרקער געקלאַפּט!

דער סאַמע יונגסטער: — אוי ווי היים! אוי ווי היים! דער קילער ווינט פון די ווייטע בערג דערגרייכט ניט צו אונז און די בלומען פון די פעלדער און גערטענער בליען ניט פון אונזערט-וועגן.

דער יונגער שמיד: — שנעלער! קלאַפּ דאָס אייזן! עס איז יעצט ניט די צייט פון בלומען און בערג.

דער אַלטער שמיד: — שמידט דאָס אייזן כל-זמן עס איז היים! צו דער אַרבעט! צו דער אַרבעט!

(ביידע קינדער זוכן עפּעס צווישן די אָנגעוואָרפענע שטי-קער אייזן).

דער יונגער שמיד: — אוועק פון דאַנען. שטערט ניט די אַרבעט!

דבורה׳לע: — צוליב דעם בלימעלע האָבן מיר פאַרלאָרן אַלסדינג.

דער יונגער שמיד: — זאָגט מיר, סוף כל סוף, וואָס זוכט איר דאָ, איר, ניט קיין געבעטענע געסט?!

בנימין: — איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט וואָס איך זוך. מיר זוכן דאָס בלימעלע פון גליק!

דער יונגער שמיד: — ניט אַנדערש אַז דאָס זיינען משוגענע קינדער! ניט אַנדערש! אַרוים פון דאַנען, זאָגט מען אייך!

דער אַלטער שמיד: — שמידט דאָס אייזן כל-זמן ס׳איז הייס!

דער יונגסטער שמיד: פייער און פונקען וועסטו דאָ געפינען און ניט קיין בלימעלעך. ניפטיקע בלומען וואַקסן דאָ!

בנימין: — קיין ניפטיקע בלומען דאַרפן מיר ניט! מיר זוכן דאָס בלימעלע פון גליק און פרידן פאַר אַלעמען.

דער אַלטער שמיד: — צו דער אַרבעט, שנעלער, שנעלער! שמידט דאָס אייזן כל-זמן ס׳איז צעגליט. און איר, קינ-דער, אַוועק פון דאַנען! שטערט ניט די אַרבעט!

בנימין און דבורה׳לע (גייען אַפּ): — וואו קען עס וואַקסן דאָס וואונדערבאַרע בלימעלע פון גליק?! ווי לאַנג וועלן מיר דאָס נאָך אַרומזוכן איבער די בערג און טאָלן?! ווי אַזוי קען מען צוקומען צו אָט דעם וואונדערבאַרן בלימעלע?

(ביידע קינדער גייען אַפּ).

פערטער אויפטריט. — אַן אורוואַלד, אַ פאַרוואַקסענער און פאַרפלאָנטערטער מיט געוויקסן אוןביימער. אויף אַן

עשוואַם פריִערן פּלאַץ זעט זיך אַרוים דאָס געצעלט פונעם גרויסן וואַלד-כשוף-מאַכער. אַרום דעם געצעלט בלומען פון אַלערליי קאָלירן. פון די וואַלד-טיפענישן הערן זיך די גע-שרייען און אויסרופן פון די וואָס זוכן דאָס בלימעלע פון גליק. פריילעכע שטימען מישן זיך צונויף מיט אומעטיקע און פאַרצווייפלטע. באַם אַריינגאַנג פון געצעלט באַווייזן זיך ביידע קינדער: בנימין און דבורה׳לע

דער כשוף-מאַכער: — זאָגט מיר, ליבע קינדער, וואָס זוכט איר דאָ אין וואַלד? זאָגט מיר וואָס איר פאַרלאַנגט: אַלץ וועגן וואָס איר האָט נאָר גע׳חלומט אָדער וואָס איר האָט נאָר ווען אַמאָל פאַרלאַנגט, האָב איך.

בנימין: — זאָג אונז, ליבער זיידע, איז דאָס אמת, אַז ערגעץ-וואו אין די טיפענישן פונעם וואַלד וואַקסט אַ בלימעלע וואָס קען ברענגען גליק פאַר אַלעמען?

דער מכשף: — יאָ, מיין קינד, עס איז פאַראַן אַזאַ בלימעלע פון גליק. עס וואַקסט אין די געדיכטע טיפענישן פונעם וואַלד און וואַרט מ׳זאָל עס קומען אַראָפּרייסן.

בנימין: — זאָג מיר, ליבער זיידע, ווי אַזוי קען מען צוקומען צו דער וואונדערבאַרער בלום?

דער מכשף: — אָ, מיין קינד, די בלום עפנט זיך נאָר פאַר די יעניקע וואָס האָבן ריינע הערצער און ווילן ברענגען גליק פאַר אַלעמען. זי באַהאַלט זיך אָבער אוים פון יענע, וועלכע ווילן זי האָבן נאָר פאַר זיך, פאַר זייער איי-גענעם נוצן. אין דעם זעלבן מאָמענט ווען דו וועסט זי אָפּרייסן און זאָגן: איך וויל דיך האָבן נאָר פאַר זיך", וועסטו זי גלייך פאַרלירן און אנשטאָט אַ וואונדער׳לעך בלימעלע פון גליק, וועלן אין די הענט באַ דיר נאָר זיין שטעכלקעס און דערנער.

בנימין: —א נאנצן פרילינג שלעפן מיר זיך ארום איבער בערג און טאָלן און האַלטן אין איין זוכן דאָס בלימעלע פון גליק, און יעצט, ווען מיר זיינען שוין כמעט ווי צונע-קומען דערצו, זאָג אונז וואָס דאַרפן מיר טאָן אויף צו קענען דערגרייכן עס?

דער מכשף: — גוט, מיין קינד. דו וועסט קענען דערגרייכן דאָס בלימעלע פון גליק. אָבער פריער מוזטו מיר עפּעס דערציילן.

בנימין: — וואָס זאָל איך דיר דערציילן?

דער מכשף: — דערצייל מיר עפּעס וועגן די גוטע מעשים וואָס דו האָסט אויפגעטאָן אין דיין לעבן.

בנימין: — איך, איך... (ער בלייבט שטיין אין פאַרלעגנהייט).

דער מכשף: — נו, דערמאָן זיך, מיין קינד!

בנימין: — איך האָב שטענדיק געפאָלגט טאַטע-מאַמע. איך האָב זיך געלערנט זייער גוט!

דער מכשף: — וואָס נאָך?

בנימין: — די פּאָר מטבעות וואָס די מאַמע פלעגט מיר מיטגעבן פלעג איך אָפּגעבן די אָרעמע לייט!

דבורה׳לע: — איין מאָל האָט מען מיר צו מיין געבורטס-טאָג געשאָנקען אַ ניי קלייד האָב איך עס אַוועקגעגעבן צו אַן אָרעם מיידעלע.

דער מכשף (צו בנימינ׳ען): — וואָס נאָך קענסטו מיר דערציילן?

בנימין: — הער זיך איין, זיידע, אפשר קען דאָס וואָס איך וועל דיר איצט דערציילן אָנגערופן ווערן אַלס גוטער אויפטו!
איין מאָל בין איך מיט די איבעריקע קינדער פון שולע אַרוים אויף א הפסקה. ס׳איז געווען קאַלט און רעגנדיק.

מיר האָבן זיך דערמאָנט ניט געקענט שפּילן, ווייל דער הויף איז געווען גליטשיק פון רעגן; האָבן מיר ניט געקענט אַרומלויפן און נאָכיאָגן איינע די אַנדערע. אין דעם האָבן מיר געזען ווי אַן אַלטע פרוי האָט געפּרואווט קרייצן די גאַס. זי איז געווען אַזוי אַלט און שוואַך דאָס יעדע ווײַלע פלעגט זי פאַלן פון די פיס. חוץ דעם איז זי געווען זייער מאוס. אין מיטן גאַס האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, האָט אָנגעהויבן קוקן צו אונז און שמייכלען. זי האָט געוואָלט אַז עמעצער פון די קינדער זאָל איר העלפן קרייצן די גאַס. בשעת זי האָט געשמייכלט האָט פון איר מויל זיך אַרויסגעזען נאָר איין צאָן. די קינדער האָבן אַלע מיט אַמאָל אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און האָבן אָנגעהויבן שרייען: „דאָס איז אַן אַלטע מכשפה!” בלויז איך אַליין האָב זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר די געשרייען און געלעכטערן פון די קינדער, בין צוגעגאַנגען צו דער אַלטער, זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט און איר געהאָלפן אַריבערגיין די גאַס. די קינדער האָבן זיך נאָך העכער צעלאַכט און נאָך טומלדיקער אָנגעהויבן צו שרייען: „זעט נאָר ווי דער חתן גייט שפּאַצירן מיט זיין כלה. בשעת מעשה האָב איך נאָר געטראַכט פון איינס: ווען דער וועג איז גליטשיק און עמעצער קען ניט דורכגיין די גאַס, באַדאַרף מען אים העלפן.

דער מכשף: — דו האָסט זיך פאַרדינט צוקומען צו דעם בלימעלע פון גליק. אָבער יעצט הער זיך איין מיט מער אויפמערקזאַמקייט צו די ווערטער וואָס איך וועל דיר זאָגן: גלייך ווי דו וועסט אָפּרייסן דאָס בלימעלע און דו וועסט דערביי אַ טראַכט טאָן אַז עס געהערט צו דיר און נאָר צו דיר, זאָלסטו וויסן זיין אַז אין דעם זעלבן מאָמענט

װעט עס פֿאַרלירן זײַן קראַפֿט און ס׳װעט װערן פֿאַרװאַנדלט אין אַ פּשוטין אײַנפּאַכן בלימעלע.

בנימין: — און װאָס זאָל איך איצט טאָן?

דער מכשף: — גײ אַרײַן אין דער װאַלד-געדיכטעניש. גײ גלײַך ביז װאַנען דו װעסט צוקומען צו אַ קלאָרן קװאַל מיט װאַסער. קוק זיך גוט אײַן אין די קרישטאָל-קלאָרע װאַסערן אַרײַן. פֿון דעם קװאַל װעסטו אין גיכן דערזען אַן אָפּשפּיגלונג פֿון אַ האַרץ. דאָס איז דײַן אײגן האַרץ. זאָלסטו װיסן: פֿון דער אָפּשפּיגלונג פֿון דײַן אײגן האַרץ שפּראָצט אַרױס דאָס װאונדערבאַרע בלימעלע. און נאָך עפּעס װעל איך דיר אָנזאָגן: װען דו װעסט גײן צום קװאַל זאָלסטו זיך פֿאַר גאָרניט שרעקן; ביז װאַנען דו װעסט צוקומען ביזן קװאַל װעסטו דערזען אַ סך אָפּשרעקנדיקע געשטאַלטן. אָבער דיך זאָל עס נישט אַרן. און איצט, קינדער גײט אין פֿרידן און זײַט מצליח (בײדע קינדער אָפּ).

פֿינפֿטער אױפֿטריט. — אַ פֿרײַער פּלאַץ אין װאַלד. באַ אַ הױכן בױם, אַ קװאַל מיט קרישטאָל-רײנעם װאַסער. איבערן פֿרײַען פּלאַץ לױפֿן אום קינדער פֿון אַלערלײ עלטערס. עס הערן זיך געשרײען און אױסרופֿן. פֿרײלעכע קולות מישן זיך אױס מיט אומעטיקע. בײדע קינדער פֿאַרשװינדן הינטערן בױם. דער ערשטער באַװײַזט זיך בנימין אַ צעשטראַלטער פֿון גליק. ער רופֿט אױס: „געפֿונען דאָס בלימעלע פֿון גליק! געפֿונען.“ די צװײטע באַװײַזט זיך דבורה׳לע. זי האַלט די האַנט אין קעשענע און שרײַט: בנימין אָט האָב איך דאָס אמת׳ע בלימעלע פֿון גליק!- פֿון אַלע זײַטן װאַלד קומען צולױפֿן קינדער. יעדער אײנס פֿון זײ האַלט עפּעס אין האַנט.

בנימין: — איך בין געװען דער ערשטער װאָס האָב געפֿונען דאָס בלימעלע פֿון גליק!

דבורה׳לע: — ניין, ברודערל, דאָס אמת׳ע בלימעלע פון גליק האָב איך געפונען. עס איז געוואקסן אונטערן שטאָם פון בוים. איך האָב גלייך דערקענט אַז דאָס מוז זיין עפּעס אַן אַנדער סאָרט בלימעלע, ניט געראָטן אין די איינ־פאַכע בלימעלעך.

יעדער איינער פון די איבעריקע קינדער (שרייט אויף אַ קול): איך האָב געפונען דאָס אמת׳ע בלימעלע פון גליק! איך האָב געפונען!״

בנימין: (שטעלט זיך אָפּ נעבן איינעם פון די בוימער, רופט אוים מיט כעס און פאַרדרוס): אייערע בלימעלעך זיי־נען פאַלשע. דאָס אמת׳ע בלימעלע פון גליק האָב איך געפונען, ניט איר.

דבורה׳לע (צו די איבעריקע קינדער): — אונזערע בלימע־לעך זיינען די אמת׳ע. איר האָט ניט געליטן אַזוי פיל ווי מיר, פאַרן געפינען. צוליבן בלימעלע פון גליק האָבן מיר פאַרלאָרן אַלסדינג וואָס מיר האָבן געהאַט: טאַטע־מאַמע, דאָס שטיבעלע אויף די בערג, די סטעזשקע צו דער אַזערע, — אַלסדינג האָבן מיר פאַרלאָרן כדי קענען צוקומען צום בלימעלע פון גליק.

אויפגערעגטע קולות פון די אַנדערע קינדער: — פאַלשע בל׳מעלעך זיינען אייערע!

די קינדער הייבן זיך עם ווערט אַ טומל און אַ געשריי. אָן שטופּן איינע מיט די אַנדערע, שרייען און ווילן אַרויסכאַפּן די בלימעלעך וואָס יעדער איינער פון זיי האַלט פאַרבאָרגן בא זיך אין די זאַכן.

בנימין: — אָפּנאַרער און שווינדלער זייט איר אַלע. אויב איר ווילט ניט גלויבן אַז איך האָב געפונען דאָס בלימעלע פון גליק, טאָ נאַט, קוקט זיך איין און צייגט זיך איבער

(ער נעמט אַרויס דאָס בלימעלע פון דער בוזים־קעשענע וואו ער האָט עס געהאַלטן פאַרבאָרגן, ערשט ס'איז אַן איינפאַך וואַלד־בלימל, וואָס איז פאַר דער צייט אין גאַנצן פאַרוויאַנעט געוואָרן. ער בלייבט שטיין אַ פאַרשעמטער און צעטומלטער.

דבורה'לע (נעמט אַרויס איר בלימעלע): — מיין בלימעלע איז דאָס אמת'ע! נאָט און קוקט! (זי נעמט אַרויס פון בוזים־קעשענע אַ פאַרטריקנט פעלד־בלימל. זי שרייט אויס מיט פאַרדרוס:) — פאַרשאָלטן בלימעלע! (זי צעוויינט זיך פון פאַרדרוס. דאָס זעלבע געשעט מיט די איבעריקע קינדער, וועלכע צעגייען זיך אַנטוישטע און אומעטיקע).

לעצטער אויפטריט. — באַם מכשף, וועלכער זיצט אויף דעם זעלביקן אָרט אין דער געדיכטעניש פונעם וואַלד.

בנימין: — ליבער זיידע, מיר האָבן געפונען דאָס בלימעלע פון גליק און דאָס גלייך פאַרלאָרן.

דער מכשף: — דערציי'ל מיר, מיין קינד, אַלעס וואָס איז געשען מיט דיר נאָך דעם ווי האָסט זיך געזעגנט מיט מיר.

בינמין: — אַלעס איז געשען אַזוי ווי דו האָסט מיר אָנגעזאָגט: איך בין אַריין אין געדיכטן וואַלד. אַלערליי חיות און שרעקלעכע געשטאַלטן האָבן מיך געשראָקן. פון אַלע זייטן האָבן זיך געלאָזט הערן ווילדע קולות. איך האָב זיך אָבער פאַר קיינעם ניט געשראָקן. איך בין אַלץ גענאַנגען פאָרויס ביז וואַנען איך בין צוגעקומען ביז דעם קוואַל מיט קרישטאָל־ריינעם וואַסער. באַם קוואַל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און אַריינגעקוקט אין זיינע טיפענישן. איך האָב לאַנג געקוקט ביז וואַנען איך האָב דערזען אַ בילד פון אַ האַרץ און פון האַרץ האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ בלימעלע. דאָס איז געווען אַ וואונדערבאַר־

שיינע בלום. איך האָב נאָך אַזעלכעס אין מיין לעבן ניט געזען. איך האָב עס אָפּגעריסן און באַהאַלטן. כדי אַנדערע קינדער זאָלן עס ניט צונעמען בײַ מיר.

דער מכשף: — און וואָס איז געשען דערנאָך?

בנימין: — דערנאָך זיינען אָנגעקומען א סך קינדער. יעדער איינער פון זיי האָט געהאַלטן אַ בלימעלע אין בוזים-קעשענע. יעדער איינער האָט געזאָגט אַז זיין בלימעלע איז דאָס אמת׳ע בלימעלע פון גליק. האָבן מיר זיך אָנ-געהויבן קריגן און כאַפּן די בלימעלעך איינער בײַם אַנדערן. ערשט דערנאָך האָבן מיר באַמערקט, אַז אַלע בלימעלעך זיינען פאַר דער צייט וואָס מיר האָבן זיך געקריגט, פאַרטריקנט געוואָרן. וואָס-זשע זאָלן מיר איצט טאָן?

דער מכשף: — קערט זיך אום אַהיים און היט אָפּ די בלימע-לעך פון אייער איינן גערטעלע. דאָס בלימעלע פון גליק וועט זיך נאָר דעמאָלט צעבליען, ווען יעדער איינער וואָס וועט עס אויסהאָדעווען אין זיין האַרצן, וועט דאָס דערנאָך וועלן אַוועקשענקען פאַר אַלעמען און וועט זיך ניט באַרימען אַז ער אַליין האָט עס אויסגעהאָדעוועט און אַז בלויז פאַר אים אַליין וועט עס ברענגען גליק. גלייך אָבער ווי ער וועט זיך אָנהויבן באַרימען, אַז דאָס בלימעלע פון גליק געהערט נאָר צו אים, וועט עס פאַר-טריקנט ווערן און עס וועט שטענדיק געשען דאָס זעל-ביקע וואָס ס׳איז געשען מיט אַלעמען.

דבורה׳לע: — קום, ברודערל. מיר וועלן זיך אומקערן אַהיים. דאָרטן איז נאָך געבליבן אונזער קליין גערטעלע מיט בלומען. מיר וועלן זיך אָפּגעבן מיט האָדעווען אונזערע איינענע בלימעלעך.

בנימין: — קום, שוועסטערל; ווען עס איז ווען מיר וועלן גרויס

ווערן וועלן מיר זיך ווידער אומקערן צום זוכן דאָס בלי־
מעלע פון גליק. דערווייל, קום, מיר וועלן זיך אומקערן
צוריק צו אונזער שטיבעלע אויף די בערג.

דער מכשף: — גייט אין פרידן, טייערע קינדער, און זייט
זיכער אַז דאָס בלימעלע פון גליק איז פֿאַראַן און אַז
פריער אָדער שפעטער וועט זיך עס צעבליען און וועט
ברענגען גליק און פרייד פאַר אַלע קינדער פון דער
גרויסער וועלט. (ביידע קינדער אָפּ).

לאַנוס אַעכטע, דעם 5־טן אפּריל 1938.

———:::———